


# קול לובלין

"לובלינער שטימע"

שנתון הלובלינאים בישראל ובחו"ל ★ יערלעכע אויסגאַבע פון די לובלינער אין ישראל און אין די תפוצות

מס׳ 34 • חשון-כסלו תשנ"ט • נאָוועמבער 1998 • נומער 34


# לובלין של היום ושל אתמול...

**דוד שטוקפיש**

בחודש מרס 1998 התקיים בבת-ים מפגש בין נציגיה הרשמיים של העיר לובלין הנוכחית: יו"ר מועצת העיריה, אדמונד דומברובסקי, סגנו, פיוטר ריבויד ודוברם - לבין חברי ועד ארגון יוצאי לובלין בישראל. כמו כן נטלו חלק במפגש זה גם נציגת הצירות הפולנית בישראל ורעיותיהם של חברי ועד הלובלינאים. השיחה התקיימה בשפה הפולנית, ובה תיארו האורחים, שהיו אגב פולנים מאוד חביבים, את לובלין החדשה, המשוקמת, המורחבת, התעשייתית, המסחרית, התרבותית והפעילה. כותב שורות אלא תיאר בפני האורחים את מפעל ההנצחה של לובלין היהודית מלפני מלחמת העולם השניה: הזכרון, המצבות, ספרי היזכור, ספרות השואה והסרטים - כולם יחד משקפים את החיים הרוחשים, התוססים של 45,000 יהודי לובלין שלפני השואה.

אנו הצגנו **עבר**, והם - **הווה ועתיד**.

* סיפרנו לאורחים, שפעמיים בשנה אנו מקיימים אזכרות לקדושי לובלין: בנובמבר, באולם ובאפריל - ביום השואה והגבורה, בבית הקברות בנחלת-יצחק בתל-אביב, בסמוך לאנדרטה לזכר הקורבנות בלובלין ובמיידאנק.

* כבר ב-1952 הופיע בפריז ספר בן 600 עמודים בשפת היידיש "דאָס בוך פון לובלין", וארבע שנים לאחר מכן הופיע בירושלים ספר יזכור בעברית, במסגרת "אנציקלופדיה של גלויות".

* ב-50 השנים האחרונות הופיעו כ-20 יצירות ספרותיות, שעיקרן זכרונות, ביוגרפיות, תיאורים של חיי היהודים בלובלין - בעברית, יידיש, אנגלית, צרפתית ופולנית.

←



teatrnn.pl

# התוכן אינהאלט


| | |
|---|---|
| דוד שטוקפיש - לובלין של היום ושל אתמול | 1 |
| אסתר לנגלבן-קלוויר - רוחקה | 3 |
| צפורה דסקל-ווייסלפיש - זקנתי | 4 |
| ראשן-לציון תעזור בהקמת מרכז מידע בלובלין | 4 |
| צשה פישר-טרטנברג - בבונקר בוורשה-1944 | 5 |
| נכדה של לובלינאי מישראל מבקרת בלובלין | |
| אן אייניקל פון א לובלינער אין ישראל באזוכט לובלין | 6 |
| אירית גוטליב - מפעולות הוועד בשנה הקודמת | 7 |
| ב. מאירציק - דו"ח ביניים על פעולות ההתאחדות | 8 |
| מ. צאנין - לובלין | 9 |
| יצחק באשעוויס-זינגער - רעכעלע אין לובלין | 13 |
| אברהם בינשטאָק - לובלינער קוריאָזן | 16 |
| נאטעק אקערמאן - אין תפיסה אויפן "זאמעק" | 18 |
| זהבה ליכטענבערג - אין לובלין - מיט 10 יאָר צוריק | 21 |
| שמחה ווייס - א טראגישע יאָרצייט | 22 |
| Joanna Wajs - Liba | 25 |
| רות גאָלדבערג - אויך דעם "שמע ישראל" האָבן | |
| זיי געזאָגט אין יידיש | 26 |
| אלכסנדר שריפט - זיי האָבן גערעטעוועט יידן | 28 |
| ד.ש. - טעאטער "גראָדזקע טויער" | 31 |
| ד.ש. - יידישע שטעטלעך ארום לובלין | 31 |
| דוד שטאָקפיש - לובלין פון היינט און פון נעכטן... | 34 |
| אירית גאָטליב - פון אונדזער טעטיקייט | 35 |
| באשטייערונגען פאר "קול לובלין" | 37 |
| פייערונג לכבוד 80 יאָר משה קאָרן און יובל פון | |
| דער מדינה | 39 |
| חיים שביט לגבורות | 41 |
| צום 90-יאָריקן געבורטסטאָג פון טעשקע קאָרמאן- | |
| פאָרשטעטער | 42 |
| משה זאלצמאן - 90 יאָר | 44 |
| מען שרייבט אונדז - כותבים לנו | 46 |
| לזכרם - צום אָנדענק | 51 |
| Andrzej Przemyski- Lublin - 9 listopada | 60 |



## "קול לובלין"

**שנתון ארגוני הלובלינאים בארץ ובחו"ל**

המערכת - רעדאַקציע:
מרק אורטמן, אירית גוטליב,
צשה פישר-טרטנברג, א. שריפט

העורך - רעדאַקטאָר: דוד שטוקפיש

★

**כתובת המערכת - אַדרעס פון רעדאַקציע:**
**"קול לובלין", תל-אביב דיזנגוף 158**
"Kol Lublin", Tel-Aviv, Dizengof 158, Israel

★

**דפוס שלמה לוי, תל-אביב, טל' 03-6881727**


➔

* ב-6 ערים ברחבי העולם: תל-אביב (נחלת יצחק), פריז, ניו-יורק, מונטריאול, טורונטו ולובלין הוקמו מצבות-אנדרטאות לזכר יהדות לובלין.

* ברחוב דיזנגוף 158 הוקם ומתפקד "חדר לובלין", מצוייד בספרים ותמונות של מחברים וציירים מלובלין. בחדר יזכור זה מתקיימות גם ישיבות הועד ופגישות חברים.

* יצרו מספר סרטי וידאו בנושא לובלין היהודית: של בינם וקרולה וייס בוורשה (בסיוע הטלויזיה הפולנית); של מוטל טרייסטמן באוסטרליה; של דוד שטוקפיש ומשה זלצמן בתל-אביב (במימון יהושע ורבקה גולדברג). מגייסים עתה משאבים להפיץ את הסרט במוזיאונים שונים בעולם.

* אנו גאים בחוברת השנתית שלנו "קול לובלין", המופיעה 33 שנים ברציפות בארבע שפות: עברית, יידיש, פולנית ואנגלית.

* אנו מקיימים קשר הדוק בין ועד ארגון יוצאי לובלין בישראל לבין ארגוני הלובלינאים בחו"ל.

הדגשנו בפני האורחים את הוקרתנו ושבחינו שגם בלובלין עצמה מקדישים רבות לנושא ההנצחה. בשנים האחרונות הופיעו מספר ספרי מחקר ואוטוביוגרפיה המוקדשים ליהדות לובלין. לספרים אלה ערך היסטורי רב בהיותם אספקלריה ראויה לחיי הקהילה היהודית התוססת בלובלין.

הייתה זו פגישה מאלפת, מועילה וחשובה לשני הצדדים. האורחים הציגו עיר בתהליכי פיתוח מואצים של בניה, תיעוש וחיי תרבות, ואנחנו הצגנו את לובלין היהודית שחרבה.

לא הקשינו על האורחים הנכבדים בשאלות, האם השתדלותם הנוכחית בהתקנת לוחות זכרון במקומות שהיו בתי-כנסת על-שם המרש"ל, המהר"ם, ה"זמדר" שיל או על בניין ישיבת חכמי לובלין לשעבר, בית החולים היהודי, הבית על שם י.ל.פרץ, בית היתומים היהודי, או הבית שבו התגורר החוזה מלובלין - מקורה בחרטה כנה ואמיתית ומתוך רצון לשקם, לשחזר ולהנציח.

בטוחים אנו שבמהלך ביקורם בישראל השתכנעו האורחים שגם כאן בישראל תנופת הפיתוח, הגידול והבניה אינם מביישים את העם היהודי, וכי גם ליוצאי לובלין בארץ תרומה צנועה לכך שישראל הגיעה להיכן שהגיעה.

מכל מקום אין ספק ששני הצדדים יצאו נשכרים ממפגש זה. ■



teatrnn.pl

# רוחקה

מאת: **אסתר לנגלבן-קלוויר**

השמש עלתה בזהוב בשמיים
רוחקה הקטנה בחלום עדיין
לא תאחר כלום אין עיניינים
יום חופשי - אין לימודים
החתולה פולי מעמידה האוזניים
משהו לא רגיל רואים בעיניים
הדג באקווריום מרשרש עם זנב
משהו לא רגיל מתרחש עכשיו
הכלב קוקי סכנה מריח
מקשקש עם זנב דבר שכיח
קופץ מסביב כמה שיכול
ונובח פתאום בקול גדול
רוחקה מבוהלת פותחת העיניים
דרך חלון מציץ קרן אור משמיים
קמה מהר להקביל את היום
לרוץ לגינה - לשחק עד תום.
על השולחן במטבח ארוחה טעימה
לפני צאתה אמא הכינה
כשתשוב הבייתה מרוצה ושמחה
תביא ממתקים ומתנה לילדתה
פתאום השמים התכסו עב רב
הציפורים המבוהלות נמלטות עכשיו
הכלב נוהם בקול גדול
החתול בפחד מנחש הכל

קול התותחים נשמעים היטב
אמא של רוחקה נפגעה בכתף
בראש וברגליים בכל גופה
לרגלי גופתה המתנה לילדתה
פחד, צעקות, טרור אימיים
הורים בבהלה מחפשים הילדים
רק רוחקה הקטנה מאוד המומה
עוד לא יודעת שאין לה כבר אמא
הרחובות שוממים, ריקים מאדם
מתח, מתחבאים בחורים אי שם
הפחד את כולם משתק
הנאצי האיום בא ושולט
רוחקה הפצועה מביטה בשמים
למה אמא לא חזרה עדיין
פולי וטולי ודג הזהב
הם בטח רעבים המסכנים עכשיו
"הראוס"! "הראוס"! מצלצל באוזניים
המוני אנשים מפוחדים על ברכיים
הבור באדמה קרו לעצמם
יריה - וראשים נופלים לתוכם
רוחקה מעולפת עדיין חולמת
להאכיל את החיות - שעה הולמת
מנסה לקום לעשות סדר גדול
אל היא נופלת עם פנים בחול
הצעצועים של רוחקה מפוזרים
יד של ילד אותם כבר לא תרים
רוחקה מאולפת עוצמת העיניים
האם והבת יפגשו בשמים.

---

**<u>אירגון יוצאי לובלין בישראל * תל-אביב, דיזנגוף 158</u>**

# ערב זכרון לקדושי עירנו

**יתקיים ביום רביעי 25.11.98 (ו' כסלו תשנ"ט), בשעה 19:00**
**באולם בית לייוויק, רח' דב הוז 30, פינת גורדון, תל-אביב**

**<u>בתוכנית:</u>**

**הרצאה**
**החזן אריה בראון** — **הדלקת 6 הנרות**
**לזכר הנפטרים** — **פרקי קריאה**

**תחבורה: כל אוטובוסי "דן" ו"אגד" העוברים ברחובות דיזנגוף ובן-יהודה.**
**חנייה (בתשלום): רח' פרישמן-דב הוז**

## זקנתי

אל נא תפרשי צעיף
בפני עיניי,
בהירות שתהיינה לראות
מראות נוף מרהיבים,
נהרות זורמים,
הרים מושלגים.

בהתבונני במירקע
לנדוד שאוכל
למרחבי עולם
ביופיו של פרח
להזין עיניי
והמאור - אירע.

זקנתי
אל נא תאטמי אזניי
משמוע צלילים,
פטפוטי ילדים,
מילות שיר
צלילי מוסיקה ערבים

בטעם שארגיש,
בריחות אתבשם
של פריחת הטבע.
חושיי שלא יקהו
לשמחת אדם
לעצב קשובים יהיו.

להישאר עם חושי
הניחיני
זקנתי
עד יבואו
יומי.

**צפורה דסקל-ווייסלפיש**
**3.12.97 קבוץ מרחביה**

# ראשון-לציון תעזור בהקמת מרכז מידע בלובלין

**במסגרת הקמת מרכז מידע וחינוך בלובלין, הגיע לארץ התחקירן וד"ר להיסטוריה בנושא יהדות לובלין - רוברט קובלק.**
**קובלק, המתארח בראשון-לציון, העיר התאומה של לובלין, מראיין ישראלים שמוצאם מלובלין לצורך הנושא. במסגרת הדוקטורט שעושה קובלק על יהדות פולין, הוא מגנה בחריפות את האנטישמיות. לדבריו, ללובלין ישנה היסטוריה משותפת עם העם היהודי והמטרה, בין היתר, להביא למודעות הפולנים שלובלין הייתה פעם עיר יהודית. הוחלט לשקם את המקום באמצעות דגם שיהפוך למרכז חינוכי. ובדרך זו לבטא את ההיסטוריה המשותפת של שני העמים. הדגם (הרובע היהודי) יוקם (בתמיכתה של קרן ראשון לציון שתרמה שלושת אלפים דולר) בשער "גרודזקה" בלובלין בכניסה לרובע היהודי שלפני מלחמת העולם השניה. ליד הדגם יוקם מרכז תיעוד-חינוכי שבו יופעלו תוכניות וסדנאות לחינוך ומדע, סמינרים, תוכניות אמנות ותרבות בהשתתפות תלמידי בתי ספר תיכוניים וסטודנטים מישראל, פולין, גרמניה, ארה"ב ועוד.**

בעלי מוצא מלובלין, שבידיהם חומר תיעודי (עיתונים, מכתבים, מאמרים, תמונות וכדומה) המעוניינים להתראיין, יפנו ליחידה לקשרי חוץ בעירית ראשון-לציון טלפון: 03-9682606 ו-03-9682411.

**(כיוון חדש, עיתון גמלאי ראשל"צ, אפריל 1998)**

אנו פונים לכל יוצאי לובלין
בישראל בבקשה לתמוך ולתרום
למען ארגוננו ולהבטיח את
הופעתו של "קול לובלין".

תשלחו שקים לכתובת שלנו:
ארגון יוצאי לובלין
דיזנגוף 158, תל-אביב

# הבונקר בוורשה - 1944

צשה פישר-טרכטנברג

...המרד בוורשה התקרב לקיצו הטראגי. לפני הריסת עיר הבירה הפולנית, עזבה האוכלוסיה את העיר. בעלי ז״ל היה טיפוס שמי (דמה ליהודי) לכן נשארנו במרתפים השרופים. הייתה לנו בחירה: למות מידי הקלגסים הנאצים, או להאכל ע״י העכברים. בחרנו באפשרות השניה. אשתדל לפי זכרונותי, רשימות בעלי וגם שלי, לתאר את קורות קבוצת האנשים, אשר הוצאו מהחוק בידי הרוצחים הגרמנים. ב-5 באוקטובר 1944, ירדנו למרתפים בחורבות ווארשה. זה היה בין הרחוב שליסקה 7 ושיננה 22. בזמן החיפושים אחר מקום מתאים, נתקלה משפחתנו, יחד עם קצין פולני אשר סייע לנו, בכמה משפחות מפוררות, אשר לקחנו איתנו. היו בינהם יהודים וגם כמה פולנים, בסך 35 איש. וכך הוקמה הקבוצה. את הרשימה השלים כלב חכם אשר אף פעם לא נבח. קראנו לו בונקר. המבצע לא היה קל. הקבוצה הייתה מורכבת מכל מיני אנשים שונים מכל הבחינות: מוצאם התרבותי והתנהגותי. את הפיקוד קיבלו על עצמם: בעלי ז״ל ופרופסור בק, אשר תמך בו בכל. בק היה אדם דגול, בעל ידע ותרבות עצומים. הייתה איתו גם רעייתו ידוויגה. שניהם היו גינקולוגים מאוד מפורסמים בוורשה שלפני המלחמה. בזמן המרד הפולני עבדו בתחנה סניטרית, משם הביאו תרופות, ויטמינים וגם הרבה קפה. הפרופסור ערך כמה ניתוחים בעזרת סכין גילוח, בזמן שהיינו בבונקר. אחרי המלחמה הם גם מצאו את שני בניהם.

אחרי המלחמה הם לקחו אותנו איתם לוורוצלב, שם קיבלו קתדרה באוניברסיטה. לצערנו החוויות הקשות השאירו את חותמן עליהן. הפרופסור נפטר אחרי כמה שנים , אישתו אשר נשברה מבחינה רוחנית התאבדה. הפסדנו ידידים יקרים אחרי פטירתם.

עתה אני חוזרת למרתף שלנו. היו איתנו גם שני יהודים מיוון. אחד אדם אינטליגנטי והשני אנלפבט, אבל בחור נהדר. הגרמנים הביאו אותם מאושוויץ לנקות את החורבות בוורשה. הם ברחו מהפביאק (בית סוהר בוורשה). החושך במרתף הכביד מאוד. אבל בסוף מצאנו מנורות קרביד ונרות. היה גם מחניק וחסר אויר. הטמפרטורה הגיעה ל-47 מעלות. בזמן הזחילה במרתף, מצאנו שתי אמבטיות מלאות ליכלוך, הצלחנו לנקות אותן ולמלאן במים. כל אחד קיבל כוס מים ביום. אבל במשך הזמן אזלו המים. אז הודיע בעלי שצריך לחפור באר. היו בינינו רק כמה גברים שיכלו לעמוד בעבודה הזאת. בעזרת כמה אתים שמצאנו ועוד כלים נוספים התחילו לחפור. את קירות החפירה תמכו בקרשים. הייתה זאת עבודת פרך. בסוף מצאנו לחות ובוץ, עד שהגיעו גם מים. חוץ מהמים היו לנו בעיות נוספות: הצורך לשמור על הנקיון וגם הצרכים הפיסיולוגיים. הנשים היו מוציאות את הבוץ והליכלוך. במשך הזמן הופיעו שם המון זבובים. אני עם גברת בק טיגנו עלים על שמן פרפין אבל גם זה אזל. התחלנו לחשוב על מציאת מזון, כבר לא היה לנו הרבה אוכל. רק קצת חומץ, כמות קטנה של חומרים לדייסה עם אבק. תושבי וורשה אשר זכרו את התקופה לפני כיבוש העיר בשנת 1939, תמיד השתדלו לאגור קצת מזון. לכן היה צריך לחפש מזון בבונקר ומחוצה לו. הלילה הפך להיות אצלנו יום, והיום היה לילה. הגרמנים ארבו כל הזמן בוורשה השרופה וחיפשו כל מיני אוצרות.

בפעם הראשונה יצאנו עם בעלי, ידוויגה בק ואדם תושב וורשה, אשר הכיר היטב את העיר. שם מצאנו בחורבות אדם אשר לקחנו איתנו, (לפני מספר חודשים הוא נפטר באירופה). היה זה ב-18 בנובמבר 1944. התחלנו לחפש במרתפים אחרי מזון. אחרי כל מסע לילי בדקנו, האם כולם חזרו. פחדנו שאם מישהו יתפס ע״י הגרמנים אולי ימסור את מקום מחבואנו. ניסינו גם לארגן הגנה במידת הצורך. מילאנו את המרתף בחורבות עד התיקרה. בליל השנה החדשה שמענו אש ארטילרית עזה. זה עורר בנו תיקוות שאולי כבר נשתחרר. לצערנו, תיקוותנו היתבדו. אחרי שב-31 בדצמבר שמענו שמישהו רוצה לחדור למרתף שלנו נזהרנו עוד יותר. סידרנו תורנויות. כל השיחות הופסקו לחלוטין, התורן היה עובר בין כל המרתפים. היה מרגיע את החלשים, מעיר את הנוחרים וכו׳.

רק ב-19 בינואר 1945, אחרי שהות של 3.5 חודשים בבונקר, הגיע בעלה של אחת הנשים שהייתה איתנו, רכוב על טנק עם הרוסים - וכך שוחררנו. ברור שכל החוויות הקשות השאירו חותם על כולנו. גם מבחינת הבריאות והמצב הרוחני. זאת הייתה תוספת אחרי טילטולים של 6 שנים ובריחה מתמדת בפחד ובהלה.

חבל מאוד, שאנחנו כל הזמן חיים במתח, מוקפים אוייבים וחבל שאנחנו בינינו לא יכולים להסתדר. כל אחד מאיתנו, היהודים, אם זה בישראל או ברוסיה, או שהיה בזמן הכיבוש הנאצי, עבר את התופת שלו. לכן אני לעיתים שואלת את עצמי: מדוע זיכרוננו הוא כה קצר?!?

(מפולנית: **אירית גוטליב**)

# נכדה של לובלינאי מישראל מבקרת בלובלין

בילי גן-נוי, נכדתו של שלמה שטוקפיש ז״ל, יליד לובלין, נסעה יחד עם תלמידי בית הספר תיכון ״אלון״ ברמת השרון לטיול ״שורשים״ בפולין.
במהלך הטיול בקרו בילי וחבריה, שהם תלמידי כיתה י״ב, בוורשה, קרקוב ולובלין. שם גם צילמו.
הבקור כלל גם את מחנות הריכוז אושוויץ, טרבלינקה, פלשוב, מיידנק וטרזיינשטאט.
הביקור היה מרגש מאוד ומרשים והשתלבו בו הצער העמוק על אסון השואה, יחד עם החוויה של גילוי השורשים וביקור במקום בו סבא נולד, גדל וסבל יחד עם משפחתו.



הכניסה ל״זאמֶק״, בית הסוהר לשעבר, כעת מוזיאון.
בתחתית התמונה: שתי הנערות. מימין - בילי גן - נוי.
דער אריינגאנג אין זאמעק, געוו. תפיסה, איצט א מוזעאום.
רעכטס, מיט נאָך א חברטע - בילי גן - נוי.



הכניסה למחנה ההשמדה מיידנק.
אריינגאנג אין פארניכטונג - לאגער מיידאנעק.



המצבה לזכרה של יהדות לובלין. מאחורי העירייה.
די מצבה צום אנדענק פון לובלינער יידנטום, אונטערן מאגיסטראט.




הבנין שלִ ישיבת חכמי לובלין. כעת - אוניברסיטה.
די געביידע פון דער געוו׳ ישיבת חכמי לובלין. איצט - אַן אוניווערסיטעט.

# אן אייניקל פון א לובלינער אין ישראל באזוכט לובלין

בילי גן-נוי, אן אייניקל פון שלמה שטאָקפיש ז״ל פון לובלין, האָט צוזאמען מיט די שילער פון דער גימנאזיע ״אלון״ אין רמת-השרון זיך באטייליקט אין אן אויספלוג אין פולין א.נ. ״וואָרצלען״.
אין גאנג פון דעם אויספלוג, האָט בילי מיט אירע חברטעס, די שילערינס פון 12טן קלאס, באזוכט ווארשע, קראָקע, לובלין. דער באזוך האָט אויך ארומגענומען די קאָנצענטראציע און טויט-לאגערן אוישוויץ, טרעבלינקע, פלאשאָוו, מיידאנעק און טעריעזינשטאט.
דער באזוך איז געווען זייער פילבאר און איינדרוקספול, דורכגעפלאָכטן מיט טיפן טרויער וועגן אומגליק פון דער שואה און די איבערלעבונגען מיטן אנטפלעקן די וואָרצלען, ווו דער זיידע איז געבוירן, זיך דערצויגן און געליטן, צוזאמען מיט דער משפחה.

# מפעולות הוועד בשנה הקודמת

**אירית גוטליב, מזכירת הארגון**

השנה האחרונה הצטיינה בפעילות רב גונית באירגון יוצאי לובלין. הוועד משתדל לפעול בצורה נמרצת, הוא מורכב מחברים מתנדבים. לצערי, רוב החברים כבר לא צעירים, וגם בריאותם לא טובה ביותר. אבל למרות זאת, אנו מבינים, שעבודת הוועד היא חשובה מאוד למען כל יוצאי העיר, בארץ ובתפוצות.

והנה רשימת הארועים אשר התרחשו בשנה החולפת:

ב-30 בנובמבר 1997 התקיימה בבית לייוויק בתל-אביב האזכרה השנתית. לובלינאים רבים השתתפו באזכרה. לדאבוננו, מספר המשתתפים הולך ופוחת. האוירה הייתה מאוד חגיגית. הועלו זיכרונות, הזכירו את שמות הנפטרים בשנה החולפת. באזכרה השתתפה אורחת מלובלין, גב׳ דנוטה קובייקו, יו״ר הליגה לידידות פולין - ישראל, סניף לובלין. הגב׳ קובייקו הינה ידידת ישראל. היא ביקרה בישראל מספר פעמים, גם הפעם התארחה אצל משפחות מלובלין: משפחת אובליגנהרץ, משפחת גוטליב, אצל זהבה ליכטנברג בקיבוץ עברון, ועוד מכרים נוספים.

את ששת הנרות הדליקו: אילנה ומורדכי מנדלסון, יצחק ואסתר מונטל, צשה פישר, זהבה ליכטנברג ואסתר וגדליהו פישמן. מטעם עירית ראשון-לציון, העיר התאומה ללובלין, הופיע מר יוסף ברנהולץ, הנאום המרכזי היה של אברהם כהן, מזכ״ל הארגון חיילים ופרטיזנים נכי המלחמה בנאצים, בירכה הגב׳ קובייקו. לזכר הנפטרים דיברה אירית גוטליב. קדיש ואל מלא רחמים - החזן אריה בראון.

בסוף חודש פברואר נודע למזכירת האירגון, שעומדת להגיע לארץ משלחת נכבדה מלובלין: מ״מ ראש העירייה, יו״ר מועצת העיר ודובר העירייה. חברי המשלחת היו אורחי עיריית ראשון-לציון, העיר התאומה של לובלין. בישיבת הוועד החליטו לערוך מפגש עם חברי המשלחת, ששהתה בישראל 7 ימים בלבד. הצלחנו לזמן את חברי המשלחת לארוחת ערב חגיגית במלון ״סאן״ בבת-ים. באותו מלון התארחו חברי המשלחת. בארגון המפגש עסקה בעיקר מזכירת הוועד. המפגש התקיים בערב והיה מוצלח ביותר. קיבלנו חדר אוכל מיוחד, ע״י שולחן מקושט בפרחים. הוגשה ארוחת ערב מלאה וטעימה. חברי המשלחת התרגשו מאוד מהמפגש עם בני עירם. הועלו דברים מרגשים על העבר בעיר לובלין. ברך בשם הוועד יו״ר הארגון מר שטוקפיש, דיברו עוד מר אורטמן ומר שריפט, בשם המשלחת ברך יו״ר מועצת העיר מר דומברובסקי. אחרי הברכות הרשמיות, השתררה אוירה חופשית ונעימה. שרנו שירים פולנים וכולם השתתפו בשירה בליווי ירמיהו גוטליב על המנדולינה, כולל חברי המשלחת וכל הנוכחים. בסוף המפגש נפרדו חברי המשלחת מחברי הוועד והודו להם בלבביות עבור קבלת הפנים המוצלחת והחמה ועבור המתנה שהוגשה לכל אחד מהם. הם הזמינו את הלובלינאים לבקר בלובלין בעתיד. אחרי תקופה קצרה התקבל מכתב תודה מלובלין שבו הודו חברי המשלחת לוועד עבור קבלת הפנים הנאה.

ביקר גם בישראל מר רוברט קובלק. הוא הגיע הפעם כדי לראיין לובלינאים לחומר אשר מכינים בלובלין לרגל הכנת המרכז הלימודי ברחוב גרודזקה. באותו המרכז מכינים דגם (מקטה) של הרובע היהודי בלובלין. המרכז ישמש מוקד ללימודים על יהדות לובלין של פעם, יוכלו להנות מזה תלמידים וסטודנטים מפולין וחו״ל. מר קובלק התארח כבר פעם בישראל על פי הזמנת ועד הארגון. גם הפעם התארח בעיקר אצל זהבה ליכטנברג בקיבוץ עברון ועוד אצל אנשים נוספים. ועד הארגון ערך מפגש חגיגי עם מר קובלק בחדר לובלין.

ביום השואה והגבורה, התקיימה אזכרה ליד האנדרטה לזכר קדושי לובלין ומיידנק. אלכסנדר שריפט הקריא את ההקדמה לספר של משה שולשטיין ״ליד פנקסה של לובלין״ והחזן אברהם אוברמן ערך את התפילות המסורתיות.

בהתקרב יובל למדינת ישראל הוזמנו הלובלינאים על ידי מר משה קורן ורעייתו לובה, לנשף ביום העצמאות במלון ״הילטון״ בת״א. בנשף חגגנו גם את יום הולתו ה-80 של בעל השימחה היקר משה קורן. בנשף השתתפו לובלינאים רבים מהארץ ומחו״ל. בשם הוועד בירך מר שריפט ושטוקפיש. משה קורן ענה במילים נרגשות על הברכות. גם רעייתו לובה העלתה זכרונות מרוסיה. לצלילי תזמורת עם זמרת טובה מאוד, בילו הלובלינאים בריקודים. למר קורן הוגשה מתנה בשם כל יוצאי לובלין.

מי ייתן שנוכל עוד בעתיד לחגוג בצורה דומה.

כעבור ימים ספורים ערך וועד הארגון מפגש חגיגי בחדר לובלין עם אורחים מחו״ל. אורח הכבוד היה מר שמחה בונים וייס, לובלינאי יקר, אשר פעל רבות כדי להנציח את יהדות לובלין. מר שמחה וייס סיפר לנו על הפעילות שלו בלובלין. גם אורחים נוספים: אקרמן משבדיה, קארפענשיף מצרפת וטרייסטמן מאוסטרליה. יו״ר הארגון בירך את כולם. נפרדנו מהאורחים בתיקווה שעוד ניפגש בעתיד.

# דו"ח ביניים על פעולות התאחדות יוצאי פולין

## לחודשים ינואר-מאי 1998

**מוגש לישיבת הנשיאות ב-26.5.98**

דו"ח ביניים זה מוגש לחברי הנשיאות לקראת הישיבה ב-26.5.98 ומכסה מירב הפעולות שעוסקת בהם ההתאחדות. הדו"ח נערך כדי להציג לפניהם את היקף הפעולות.

מעמדה הציבורי של ההתאחדות מוכר בקהילת יוצאי פולין בישראל, אצל שילטונות ומוסדות ציבור וסעד, מוסדות מחקר היסטורי, אומנות, אירגוני לוחמים וכן אצל שלטונות פולין - שגרירות, 8888 משרד החוץ ועוד. ואצל אירגונים יהודיים בפולין ובתפוצות.

**1. סיוע ועזרה סוציאלית**

הוגשו כ-120 בקשות לסיוע, הם טופלו והועברו לקרן הרווחה.

"עמך" - מתקיים שיתוף פעולה במסגרת "הלנדסמנשפטים" מיוזמת ההתאחדות.

**2. הנצחה בפולין**

ההתאחדות מקיימת קשרים עם המועצה להנצחת המאבק והסבל R.O.P.W.M שבאחריותה אחזקה ושימור אתרי מחנות מוות, מחנות עבודה בפולין, בתי קברות צבאיים וכו'. טיפלנו בנושאים הבאים:

אתר מחנה מוות טרבלינקה - לפי יוזמתנו ועל סמך מחקרנו ורשימותינו מוסיפים 87 אבני מצבות באתר המחנה לציון הקהילות שלא הונצחו עד כה. טקס גילוי המצבות נקבע ל-22 באוגוסט 1998. "הלנדסמנשפטים" קיבלו הודעה על כך.

אתר מחנה מוות בלזיץ - דווח לנו על הזנחה באתר המחנה. טיפלנו בזה. הוחל כבר בעבודות שיקום האתר ובהמשך אחזקה נאותה שתעשה ע"י המועצה, הצענו לצרף נציג ההתאחדות יוצאי פולין לוועדה להסדרת האתר ולהנצחה נאותה לזכרם של הנרצחים.

ההתאחדות כדוברת ה"לנדסמנשפטים" פועלת ברמה מוניציפלית עם שלטונות פולין למען טיפול ואחזקת אתרים קהילתיים יהודיים - כמו בתי קברות ובתי כנסת.

**3. הנצחה בישראל**

ארגון עצרת זיכרון לשואה ולגבורה ביום הזיכרון בבתי הקברות בנחלת יצחק.

ייצוג יהדות פולין בעצרות ממלכתיות ובוועדות ממלכתיות לציון יום הזיכרון.

קרן הנצחה - בניהולו של מר מרדכי (מוטק) גולדהכט.

**4. תרבות - מורשת**

מקיימים ספריית ה"לנדסמנשפטים".

סוכם עם תיאטרון יידיש (מר עצמון) על שיתוף פעולה לשם הנחלת מורשת יהדות פולין ושפת היידיש גם לבנינו.

בחסותנו התקיימו הצגות תיאטרון ביידיש במחירים מוזלים.

**5. יער ק.ק.ל. - להנצחת יהדות פולין**

במו"מ ממושך ומייגע סוכם סוף סוף עם ק.ק.ל. ששנת 50 לקום מדינת ישראל יתקיים טקס נטיעת יער. טרם נקבע מועד.

**מצב הכספי**

כל הפעולות שהוזכרו ואלה שלא הוזכרו מתבצעות בעזרת פקידה בחצי משרה שמשכורת חודש אפריל טרם שולמה לה.

הסוכנות - ביטלה את ההקצבה להתאחדות.

הפדרציה - הפסיקה לתמוך בהתאחדות.

קרן רווחה - טרם העבירה את ההקצבה.

ס"ה הכנסות מדמי חבר בתקופה חלקית הם - 8,000. ש"ח.

הנשיאות מתבקשת לדון ולהחליט לגבי המשך פעילות ההתאחדות.

אינג' ב. מאירצ'יק, מזכ"ל


ליְדידי בן-ציון קריגר
איחולים לחיים לנישואי הבן עם בחירת-ליבו
אושר ועושר לזוג הצעיר

**מאחל**
**משה זאלצמן**

# לובלין

## מ. צאנין

פונעם בוך "איבער שטיין און שטאָק", פארלאג "לעצטע נייעס", תל אביב 1952

זעקס הונדערט יאָר האָט לובלין זיך איינגעשריבן אין די פנקסים ווי די עיר ואם בישראל, צופוסנס פון דעם שלאָס פון קאזימיעזש דעם גרויסן, צווישן די ענגע געסלעך פון געטאָ איז אויפגעגאנגען א קערנדיק יידישקייט פאר די דורות, וואָס זענען שפּעטער געקומען. לובלין איז אויסגעוואַקסן צו דער רעזידענץ פון דעם "ועד ארבע ארצות" און פון די ענגע לובלינער ישיבות זענען ארויסגעקומען די גרויסע תלמודישע גייסטער מהרש"ל, מהר"ם און מהרש"א, וואָס זייערע נעמען האָבן געקלונגען איבער אַלע עקן פון דער וועלט, ווו נאָר ס'האָט אַ ייִדיש האַרץ געקלאפּט.

אין די לובלינער ישיבות האָט נישט נאָר געוואקסן תלמודישע לומדות און גאונות, נאָר דאָ זענען אויך געלייגט געוואָרן די יסודות פאר יידישער וועלטלעכקייט, וואָס איז זיך שפּעטער אזוי וווּנדערבאר צעוואקסן און ארויסגעפירט דאָס יידיש פאָלק אויף די דרכים פון דער ברייטער וועלט.

לובלין איז געווען א קוואל פון יידישן לעבן, וואָס האָט זיך ארויסגעריסן פון געטאָ, אריבערגעשווענקט די "ברום" און זיך פאנאנדערגעגאָסן ווי א ים.

צענדליקער יידישע און העברעישע שולן, ביבליאָטעקן, פאראיינען, פאָלקס-אוניווערסיטעטן, תלמוד-תורה'ס און ישיבות - האָבן טעג ווי נעכט געפורעמט די יידישע נשמה, געגרייט זיך צו עפּעס, וואָס דאַרף זיכער קומען און איז נישט געקומען.

דאָס געזעלשאפטלעכע לעבן אין לובלין האָט געגליט פון אן אייגענעם פייער. אָפטמאָל האָט זיך לובלין געשטעלט העכער פון ווארשע, פון ירושלים דליטא, און פון ביאַליסטאָק שוין אָפּגעשמועסט, ווייל לובלין האָט געהאט הינטער זיך דעם גייסטיקן באגאזש פון פארגאנגענע דורות און דעם רייכן אָנוווּקס פון יידישקייט. אפילו דער "בונד", וואָס מען פלעגט אים פאַרוואַרפן, אז ער איז א "כופר בעיקר" האָט דאָ אין לובלין זיך געגרויסט מיט זיין ר' יעקב פּאָליאַק, מיט זיין רבי ר' שלום שכנא און "אייזערנעם קאָפּ" און געהאַלטן, אַז ער, דער "בונד" איז דער יורש פון חסידות, ווייל זיי, די בונדיסטן, און סיי וועלטלעכע ציוניסטן אין לובלין, זענען ארויסגעוואקסן פון צווישן די געסלעך פון געטאָ, פון צווישן די ישיבות, און די גרענעץ איז געווען אזא דינע, אזא צארטע.

און אין קיין שום שטאָט אין פוילן, דאכט זיך, זענען די פארטייאישע קאמפן נישט געווען אזעלכע פארביסענע און הייסע ווי דאָ אין לובלין, ווייל אין תוך פון יעדער פארטיי האָט געברענט דאָס פייער פון חסידות, די פארביסנקייט פון דער גרויסער אמונה און שטאָלץ פון דער אלטער קהילה קדושה לובלין. ווען מען גייט היינט אדורך די "ברום" און מען דערזעט דאָס פוסטע פעלד, ווו ערשט אנומלט איז א וועלט, א ברויזיקע וועלט דאָ געשטאנען, מיט געסלעך, מיט בתי מדרשים און שולן, דאַכט זיך ס'איז בלויז אַ חלום געווען. אַ חלום מהרש"א, אַ חלום מהר"ם, אַ חלום פון זעקס הונדערט יאָר. ווו איז דער ים מיט יידן אַוועק? ווו זענען די יידן מיט די צעפלויגענע בערד, מיט די צעפלויגענע פּאָלעס פון די לאַנגע כאַלאַטן, וואָס אין אימפּעט פון זייער לעבן האָט זיך געדאַכט, אַז זיי שוועבן?

א פוסט און טויט פעלד איז דאָס יידישע לובלין, אפילו נישט קיין בית-עולם, אפילו קיין שטיין נישט געבליבן, ווו אָנצולענען דעם אבל-קאָפּ און אויסוויינען א יתגדל ויתקדש נאָך אזא גרויסן חלום.

ווען פון אלע טייכן זאָל ווערן טינט, ווען פון אלע וועלדער זאָלן ווערן פענעס, וואָלט מען נישט געקענט אָנשרייבן די מגילה פון די גיהנום-יסורים, וואָס די לובלינער קהילה האָט אויסגעליטן ביז זי האָט אויסגעהויכט איר הייליקע נשמה.

דאָ, אויפן זאמאָשטשער שאָסיי, סך הכל צוויי קילאָמעטער פון לובלין האָבן זיך אויסגעשפּרייט די רויכן פון די קרעמאטאָריע-קוימענס פון מיידאנעק. האָט מען נאָך פארזיכערט די לובלינער יידן, אז דאָס מיינט מען נישט זיי. אז לובלין איז א רעזערוואט פאר יידן און, אז זיי וועלן

בלייבן לעבן. אָבער די לובלינער יידן האָבן געוווסט זייער גורל. כאָטש פארשפארט אין א געטאָ האָבן זיי געוווסט, אז פון צענדליקער קהילות ברענגט מען אהער יידן קיין מיידאנעק צו פארברענען. אָבער שוצלאָז זענען געווען די יידן פון לובלין, אָן א גואל און אָן א פריינט, מיט שכנים, וואָס האָבן בלויז געווארט אויפן סוף פון די יידן. און דער ביטערער סוף איז געקומען.

אן אלטער פּאָליאק, א לובלינער תושב, אן אנטיקן-קלייבער מיט א גרייזגרויען קאָפּ האָט מיר געזאָגט וועגן דעם שווארצן טאָג:

– איך שטיי ביים ראנד פון קבר און איך האָב שוין אלע מיינע גלויבנס פארלוירן. איך וועל קומען אויף יענער וועלט ווי א פוסטע שאָל, אָן יעדן ניצוץ פון גלויבן. צום ערשטן האָב איך זיך געשעמט צו זיין א מענטש, ווייל איך האָב געזעען, וואָס די דייטשע "מענטשן" קאָנען מאכן, נאָך דעם האָב איך זיך געשעמט צו זיין א פּאָליאק, ווייל איך האָב געזעען ווי אזוי פּאָליאקן קאָנען זיך פארהאלטן אין אָנבליק פון אזא שרעקלעכער פּיין, וואָס איז געקומען אויף זייערע יידישע שכנים. און נאָך דעם האָב איך זיך געשעמט צו זיין א קריסט, ווייל איך האָב געזעען, וואָס פארא פנים די וועלט האָט נאָך צוויי טויזנט יאָר הערשאפט פון קריסטנטום אין אייראָפּע. טייכן בלוט זענען געפלאָסן איבער די גאַסן פון געטאָ, ווו יידן זענען געווען איינגעשפארט. נאָך דעם האָט זיך לאנגע טעג געקנוילט א שווארצער רויך פון די קרעמאטאָריע-קוימענס. אָבער מיידאנעק איז געווען איבערלאסטעט און נישט געקאָנט אזוי פיל מענטשלעכע לעבנס פארשלינגען, האָט מען פיל טויזנטער יידן פון לובלין אוועקגעשיקט אין די וועלדער פון סאָביבאָר, און דאָך האָט מען מיט איין מאָל נישט געקאָנט פארניכטן העכער הונדערט און פופציק טויזנט יידן, וואָס האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין לובלין. זענען עטלעכע שחיטות פאָרגעקומען, און נאָך יעדער שחיטה האָבן די רוצחים פארזיכערט, אז מיט דעם איז געענדיקט, אז מער וועט מען יידן נישט שעכטן. אָבער דאָס איז געווען נישט מער ווי א טראָפּן בוימל ארויפגעגאָסן אויף דער ברענענדיקער וווּנד פון די פאראומגליקלעכטע יידן. פארלאָזן פון דער גאנצער וועלט, האָבן יידן דאָך געהאָפט, אז גאָט וועט זיין צאָרן נישט אויסגיסן ביז צום סוף, אז ער וועט נישט דערלאָזן פארטיליקן זיין עדה ביז צום לעצטן ייד. אָבער די האָפענונג האָט פארפירט, דער גאָט פון ישראל האָט זיך צוגעקוקט ווי מען פירט ארויס דעם לעצטן יידן פון זיין אלטער קהילה.

און אזוי האָט זיך געענדיקט דאָס לעצטע זייטל פונעם נישט פארשריבענעם פנקס פון דער קהילה לובלין.

נאָכן אויסמאָרדן די יידן זענען די דייטשע רוצחים געגאנגען פון הויז צו הויז, פון שול צו שול און אויסגערויבט די יידישע פראצע און שווייס און אלדאָס אומבאוועגלעכע אויפגעריסן מיט דינאמיט. עס איז אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד די שטאָט, אין וועלכער עס זענען במשך פון דריי הונדערט יאָר פאָרגעקומען די צוזאמענפאָרן פון די ועדן פון די ארבע ארצות און די גרויסע יידישע ירידים, די אלטע שולן פון מהרש״ל און מהר״ם און די הונדערטער הייזלעך, וואָס זענען געווען צונויפגעקוועטשט אין די שמאָלע געסלעך פון אלטן געטאָ.

די ארבעט פון פארניכטונג האָבן נישט דורכגעפירט די דייטשן אליין. זיי צו הילף זענען געקומען אוקראאינישע באטאליאָנען אין מונדירן פון ס.ס. און געוויזן, אז אויף מאָרדן יידן האָבן זיי אן אלטע חזקה, וואָס איצט, אינעם יאָר תש״ח פייערן זיי דעם בלוטיקן יובל פון דריי הונדערט יאָר.

קומט מיט מיר ארויף אויפן בארג, ווו עס געפינט זיך דאָס אלטע בית-הקברות און איך וועל אייך ווייזן צוויי פארבליבענע קברים פון די קרבנות פון דעם באַרימטן "קעמפער פאַר פרייהייט" העטמאַן באָכדאַן כמיעלניצקי, וואָס האָט זיך אויפגעהיט אינעם זכרון פון אונזערע זיידעס ווי כאמעלוק ימח שמו. די דאָזיקע צווי קברים זענען די איינציקע עדות, ווי אזוי דאָס אוקראאינישע פאָלק האָט צוויי מאָל במשך פון דריי הונדערט יאָר פארגאָסן דאָס בלוט פון עם ישראל.

דאָס אלטע בית-הקברות אין לובלין איז אונזער נאציאָנאלער פּאנטעאָן. זעט וואָס פון דעם פאנטעאָן איז געוואָרן, וואָס וואנדאלן האָבן געמאכט פון די קברים פון דורות גאונים און גייסטיקע פירשטן: לענג-אויס זענען די קברים צעגראָבן אין טיפע ראָוועס און פון די גלייכע ווענט שטעקן ארויס די ביינער פון הונדערטער קברים. אין די טיפע צעראָיעטע גריבער וואלגערן זיך ארום ווייסע שארבנס פון מתים און הויפנס ריפן. ווייניק מצבות זענען דאָ פארבליבן. די מצבות זענען צערויבט געוואָרן פון דער ארומיקער באפעלקערונג און יידישע דענקמעלער זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אָסל-שטיינער צו שארפן העק און מעסערס. און די מצבות פון גראניט ווערן איבערגעמאכט אויף צלמים אויף קריסטלעכע קברים. זעט: דער פארקאַן איז צעריסן און אויף די קברים פּאשען זיך חזירים און בהמות. דאָס קליינע פאסטוך-יינגעלע, וואָס זיצט נישט ווייט פון מיר אויף א קבר – שניצט אויס פון יידישע ריפן "שווערדעלעך" און "פּינישע



teatrnn.pl

מעַסערס״ - קינדערשע שפּילצייג... אלס קינדער פלעגן מיר וועגן אזעלכע אימהדיקע זאכן לייענען אין די ביכער איבער די מזרח-אפריקאנער דזשונגל. היינט זע איך דאָס מיט מיינע אייגענע אויגן אינעם לאנד פון מיצקעוויטש און סלאָוואצקי.

צווישן די פארבליבענע מצבות האָב איך אנטדעקט אמתע קונסט-ווערק, שטיינער אין וועלכע יידישע פאָלקס-קינסטלער האָבן אריינגעלייגט נשמה און מייסטערשאפט. ביי קולטור-פעלקער וואָלטן אזעלכע מאָנומענטן פארנומען דעם אויבנאָן אין נאציאָנאלע מוזייען, און קונסט-מאָנאָגראפיעס וואָלטן איבער זיי געשריבן געוואָרן. דאָ ליגן זיי הפקר און ווארטן אויף זייער ביטערן גורל צו געפינען זיך אין א פונדאמענט פון א חזיר-שטאל אָדער פארוואנדלט צו ווערן אין אָסל-שטיינער.

נישטאָ היינט קיינער אין פוילן, נישט מצד יידן און נישט מצד פאָליאקן, וואָס זאָלן האָבן א חוש און באדערפעניש אויפצוהיטן אזעלכע קונסט-ווערק, וועלכע האָבן נישט די מינדסטע פּאָליטישע באדייטונג.

אָבער פאר א געוויסן מין פּאָליאקן האָבן יידישע קונסט-ווערק געהאט באדייטונג, דעמאָלט ווען די דייטשן האָבן אויפגעריסן דאָס יידישע געטאָ און די אַלטע שולן פון מהר״ם און מהרש״ל, דעמאָלט זענען מחנות פוילישע כוליגאַנעס געלאָפן איבער די חורבות און גערויבט. די ווענט פון די אלטע שולן, וועלכע זענען נאָכן אויפרייסן געבליבן טיילוויַיז שטיין, זענען דורך די כוליגאנעס צעריסן געוואָרן ביז די פונדאמענטן. זיי האָבן געזוכט דאָס זילבערווארג און די חפצים פון די שולן. ביי איינעם א ייד אין לאָדזש האָב איך געזען א פראגמענט פונעם ארון-קודש פון מהר״ם׳ס שול, וואָס ער האָט אָפּגעקויפט ביי א פּאָליאק אין לובלין. דער שוין דערמאָנטער גרייז-גרויער אנטיקן-זאמלער האָט מיר דערציילט, ווי אזוי דאָס רויבן איז צוגעגאנגען: דאָס האָט אויסגעזען, ווי א סטאדע הונגעריקע וועלף וואָלטן זיך געוואָרפן אויף געבונדענע שאָף. מיט קילאָפּן און לאָפּאטעס זענען די כוליגאנעס געלאָפן צו די חורבות, און די ציניש ע גערמאנישע רוצחים האָבן זיך צוגעקוקט ווי אזוי שכנים פון זעקס הונדערט יאָר צעטראָגן די רעשטלעך פון יידישע ציגל.

איינאיינציקער עפנטלעכער יידישער בנין איז גאנץ געבליבן, ווייל דאָרט האָבן די דייטשן געהאט זייער שפּיטאָל - דאָס איז דער ריזיקער בנין פון דער ישיבת חכמי לובלין, וואָס איז פארענדיקט געוואָרן עטלעכע יאָר סך הכל פאר דער צווייטער וועלט-מלחמה. היינט געפינט זיך דאָ דער אוניווערסיטעט אויפן נאָמען פון מאריע קירי סקלאָדאָווסקא. מ׳האָט געפאָדערט פון מיר א ספּעציעלע דערלויבעניש אריינצוקומען אהער, אין דעם היכל פון לומדות און יידישער פרומקייט. אין דער אַאולע, אין דעם זאל פון דער ישיבה, איז אויף דער הויפּטוואנט געהאָנגען א צלם, ווי א סימן פון פוילישקייט. און מען מוז נישט זיין קיין פרומער ייד, כדי דאָס בלוט זאָל פארגליווערט ווערן אין די אָדערן, ווי אזוי יעדער ניצוץ פון יידישן איבערבלייב ווערט אויסגעוואָרצלט און פארווישט, פונקט ווי מיר וואָלטן חס וחלילה געדארפט אָפּגעווישט ווערן פון דער ערד.

ווען איר וועט ארויפקומען איצט אויפן נייעם יידישן בית-עולם, וועט איר דאָרט זען א גרויסע מצבה - דאָס איז דער איינציקער זכר, וואָס די לובלינער שארית- הפליטה האָט דאָ אוועקגעלייגט נאָך זעקס הונדערט יאָר יידיש שעפעריש לעבן, וואָס איז אין געציילטע טעג אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד.

ווען די רויטע ארמיי האָט באפרייט לובלין און אין שטאָט זענען אריין די ערשטע פוילישע זעלנער פון דער קאָשטשושקאָ-דיוויזיע, זענען פון באהעלטענישן פון אונטער דער ערד ארויס עטלעכע יידן: ווילד-באוואָקסענע, אויסגעמאטערטע און האלב-בלינדע פון יאָרנלאנג ליגן אין דער פינצטערניש, זענען זיי ענלעך געווען צו אויסטערלישע וואלד-מענטשן. זיי האָבן זיך קוים געקאָנט באוועגן. די פיס האָבן זיך אָפּגעוווינט פון גיין, די אויגן - פון זעען, זענען זיי געקראָכן, מיט פנימער אויסגעשטעלט צו דער ליכטיקייט פון טאָג, וואָס די אויגן האָבן נישט געקאָנט זעען. זענען די דאָזיקע יידן באפאלן געוואָרן פון א מחנה פּאָליאקן. פונוואנען קומען ווידער יידן קיין פוילן? זענען זיי אויפגעשטאנען תחית-המתים? זענען זיי צוריק אויפגעשטאנען פון די אשן פון מיידאניק און סאָביבאָר? איבער די קעפּ פון די אויסגעפייניקטע יידן האָבן זיך א שיט געטאָן קלעפּ, עס האָט געהאקט ווער מיט דער פויסט און ווער מיט א שטעקן, ביז די יידן זענען געבליבן ליגן אין בלוט. איצט האָט די מחנה פארטראכט א ספּעקטאקל: מען וועט די יידן אוועקשלעפּן צום פוילישן מיליטער און דאָרט וועט מען זיי זיכער צעשיסן, ווי די האָזן צעשיסן, וואָרום וועלכער זעלנער אויף דער וועלט וועט עס לאָזן לעבן יידן? די כוליגאנעס האָבן זיך נישט אָריענטירט, זיי האָבן געוווסט, אז ביז איצט פלעגן פוילישע זעלנער פון דער ״ארמיא קראיאָווא״ צעשיסן יידן אין די וועלדער. און איצט זענען אין שטאָט ווידער דאָ פוילישע זעלנער - וועט מען באלד זעען, ווי אזוי מען צעשיסט יידן אויף דער גאס אין לובלין, אזוי ווי עס פלעגן עס ביז איצט טון די דייטשע

זשאַנדאַרמעריע און די אוקראַאינישע ס.ס.

און די מחנה האָט געשלעפּט די האלב-טויטע יידן, געשלעפּט איבער דער הויפּט-גאַס און געזובלט פון מאָרד-פרייד. אַנטקעגן קומט-אָן אַ פּוילישער מיליטערפּאַטראָל און די מחנה שרייט:

- היי, חברה, מיר האָבן געכאַפּט יידן... אָט דאָ זענען זיי, מען דאַרף זיי דערליידיקן, לייגט זיי קאַלט, חברה!

- איין זעלנער שיסט אויס אין דער לופט, דער צווייטער דרייט איבער די ביקס און הייבט אָן האקן איבער די קעפּ פון די כוליגאַנעס, די רעשט - צעלויפט זיך אין בהלה. די זעלנער יאָגן זיך נאָך דער מחנה. די יידן בלייבן ליגן אויף דער ערד, איינער פון די זעלנער בויגט זיך אראָפּ צו די ליגנדיקע און זאָגט זיי:

- האָט נישט מער מורא, איך בין א ייד.

יידישע הענט הייבן זיך אויף, קלאמערן זיך ארום די פיס פונעם יידישן זעלנער. א נס, א נס איז געשען! א ייד אין א מונדיר באַשיצט זיי! זעסט: א ייד קען נאָך ראַטעווען א ייד. אָבער נישט אלע פון די יידן קאָנען זיך קלאמערן ארום די פיס פון יידישן זעלנער. איינער איז פון די קלעפּ געבליבן ליגן א קאַלטער, א גלייכגילטיקער. אים איז שוין אלץ איינס. ער האָט שוין דאָס ליכט פונעם טאָג מיט זיינע אייגענע אויגן מער נישט געזען.

אויפצומאָרגנס זענען דריי יידן געגאַנגען מיט דער לויה פון דעם ייד, וואָס האָט אָנגעהויבן אויפסניי א יידיש לעבן אין לובלין...

היינט לעבט אין לובלין א הייפל יידן. נישט אלע זענען לובלינער, וואָרום פון דער גאַנצער יידישער קהילה פון פאַר דער מלחמה זענען אין דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט פאַרשריבן זעקס הונדערט, און די זעקס הונדערט לובלינער זענען צעוואָרפן איבער די גרויסע שטעט פון פוילן, אין לאָדזש, אין ווארשע, אין נידערשלעזיע. די יידן אין לובלין זענען פון די ארומיקע שטעטלעך, ווו א יידישער פוס טאָר נישט אריינטרעטן.

- דאָס פאָלק קאָן זיך נישט צוגעווינען צו א יידיש פּנים - זאָגט מיר א ייד. דער ייד איז איינער פון די פירער פון דער אָרטיקער רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי.

ווען איך זיץ ביי אים אין שטוב, לייגט דער ייד ארויס דעם רעוואָלווער אויפן טיש און זאָגט:

- מיר גופא איז דאָס לעבן נישט ניחא. אלדאָס טייערסטע אין מיין לעבן, מיין פרוי, מיינע קינדער, מיין מאמען און מיין טייערן יידישן טאַטן האָב איך פארלוירן. איך בין אדורכגעגאנגען אלע גיהנומס פון לאַגערן און וואָגלעניש. צענדליקער מאָל האָב איך געזען דעם טויט פאַר די אויגן און אויב איך האָב איבערגעלעבט איז בלויז צוליב עקשנות, מיר זאָלן נישט פארטיליקט ווערן ביזן שורש. און כאָטש איך בין א קאָמוניסט און מען פאָדערט פון מיר אינטערנאַציאָנאַליזם, זאָג איך: מיט אָט דעם כלי-זיין, וואָס אויפן טיש, מוזן מיר קודם-כל פארזיכערן אונזער קיום און ערשט דעמאָלט, ווען מיר וועלן זיין גלייכע מיט גלייכע, וועל איך ביי זיך איינפירן דעם פרינציפּ פון אינטערנאַציאָנאַליזם.

און דער ייד האָט מיר דערציילט, וואָס אלץ יידן שטייען היינט אויס אין לובלין פון פּאָליאַקן, וואָס קאָנען זיך נישט צוגעווינען צו דער נייער ווירקלעכקייט אין פוילן און באַטראַכטן נאָך יידן, ווי מינדערווערטיקע באַשעפענישן. משה מערענשטיין, א ייד פון שטעטל גאָזשקאָוו, האָט אנטיילגענומען אינעם אויפשטאַנד אין סאָביבאָרער גיהנום. ער איז איינער פון די פערציק יידן, וואָס זענען געבליבן ווי עדות פון דעם, וואָס אין סאָביבאָר איז פּאַרגעקומען. אויך אים איז דאָס לעבן נישט ניחא. ער האָט געזען אזוי פיל ליידן, אזויפיל הונדערטער טויזנטער משונהדיקע טויטן, אז ער איז געוואָרן גלייכגילטיק צום לעבן. בלויז עקשנות האלט אים. ווען ער גייט אין לובלין אין גאס און באַגעגנט זיך מיט די שנאהדיקע בליקן פון פוילישע אויסוורפן, ווערט זיין עקשנות נאָך מער געשטאַרקט. דאָס איז דאָך - זאָגט ער - די איינציקע פאָרם פון נקמה, אז נישט אומקומען זאָלן מיר, נאָר לעבן!

און נאָך עקשנים האָב איך געזען אין לובלין: יידישע קינדערלעך האָבן געזונגען יידישע און העברעישע לידער און געזונגען מיט אזא עקשנות און מיט אזוי פיל יידישער הארציקייט, אז בעת-מעשה האָב איך פארגעסן, אז אָט די קינדערלעך זינגען די לידער אין א פוסטער וועלט. ס׳האָט זיך מיר אין דער מינוט געדאַכט, אז איך זיץ אויף א קינדער-אָוונט אין פאַרמלחמהדיקן לובלין. אָבער דאָס דאָזיקע געפיל ווערט תיכף צעשווימען: נעבן מיר זיצט א פרוי און קאָן בשום אופן נישט איינהאלטן די טרערן. זי קוקט אויף דער סצענע און וויינט. פאַר דער מלחמה האָבן אירע

(סוף אויף ז׳ 15)

יצחק באַשעוויס-זינגער (1904-1991)

# רעכעלע אין לובלין

ווען רעכעלע איז אַלט געווען צוועלף יאָר, איז די אַלטע געשטאָרבן. דריי טעג איז זי געלעגן אין פֿאָדערשטן חדר אויפֿן באַנק-בעט און האָט געגוססט. דער קליינער קאָפּ איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַ רויטער פֿאַטשיילע, דאָס אויסגעקוואַרטע פּנים - פֿאַרשטייפֿט ווי ביי אַ מת, דער אונטערשטער קין - אויסגעשפּיצט אַרויף, די אָפּענע אויגן - מיאוס איבערגעדרייט, פֿול מיט ווייסל. ס׳איז גראָד געווען אין עשרת-ימי תשובה, פֿאַר יום-כּפּור. פֿון שעכט-קעמערל אין הויף האָט זיך געהערט אַ קוואַקעריי פֿון הינער, געשרייען פֿון ווייבער און דינסט-מיידן. זעלטן אַז עמעץ איז געקומען אַ קוק טון ווי די אַלטע גייט-אויס, דען אַלע זענען טרוד געווען. בלויז ר׳ זיידל בער, דעם איידעם, איז פֿון מאָל צו מאָל אַריינגעפֿאַלן הענדום-פֿענדום, אינגאַנצן אַן אויסגעשמירטער אין בלוט. די באָרד האָט זיך געוואָרפֿן, די רויטע וויעס הינטער די צעוואַקסענע ברעמען האָבן געפֿינטלט. ער האָט אַרויסגעצויגן פֿון בוזעם אַ גענדזענע פֿעדער, צוגעטיילט דער שלאָפֿער צו די נאָזלעכער, צו זען אויב זי אָטעמט נאָך, איינגעקוקט זיך מיט געניטשאָפּט, און יעדעס מאָל אַ זיפֿץ געטון:

- מנע... אַ מעשה אָן אַ סוף!...

ער איז דערצערנט געווען, דער פֿעטער ר׳ זיידל בער, ווי אַלע מאָל פֿאַר דעם הייליקן טאָג, ווען ער קוילעט כּפּרות און די נקבות באַלעסטיקן אים מיט זייער איילעניש און הוילע רייד. דערצו האָבן ביי דער יונגער רעכעלען אָנגעברענט די געקעכטסן, וואָס זי האָט געקאָכט, וואָרים זי איז געווען שטאַרק פֿאַרמאַטערט. פֿון פּחד האָט זי אַ גאַנצע נאַכט געלאָזט ברענען דאָס קניטל, איז געזעסן אויף דער באַנק איינגעהילט אין אַ שאַל און האָט געוואַכט. נאָגנדיקער ווי געוויינלעך האָט די גריל געגרילצט הינטערן פּיעקעליק, ווי זי וואָלט אָן אויפֿהער עפּעס געמאָנט. דער פֿעטער אין אַלקאָווע האָט אַלעמאָל אַ הוילן ברום געטון און יעדעס מאָל פֿונסניי אָנגעהויבן צו רעדן פֿון שלאָף, ווי ער וואָלט זיך דורכגעשמועסט מיט אַ פֿאַרהוילענעם. רעכעלע האָט וואויל געוואוסט, דאָס די שטוב איז פֿול ביזן באַלקן מיט נישט-גוטע. אין די ווינקלען האָבן די שטוב-זאַכן זיך גערירט, אויף די ווענט האָבן דורכגעשוועבט לענגלעכע שאָטנס, ווי אָפּשיינען פֿון יענעוועלטיקע פֿאַרבייגייער. צומאָל האָט די זקנה אויפֿגעהויבן די אויבערשטע ליפּ און געטון אַ מאָוימדיקן שמייכל. אַן אַנדער מאָל האָט זי אַרויסגעשטרעקט איר וואַקסענע האַנט פֿון אונטערן איבערבעט, געפּאַכעט מיט איר, ווי זי וואָלט עפּעס געזוכט אין דער לופֿט, און צוניפֿגעקראַמפּט די פֿינגער, ווי זי זאָל דאָס אָנכאַפּן.

געשטאָרבן איז די זקנה ערב יום-כּפּור אינדערפֿרי. גלייך זענען אָנגעקומען פֿלייסיקע חברה-קדישא-ווייבער אין ברייטע פֿאַרטוכער פֿון פֿאָרנט און פֿון הינטן. מ׳האָט געעפֿנט דעם קופֿערט און אַרויסגעצויגן פֿון דאָרט אַ פּאָר לאַנגע ברייטע מייטקעס, צוניפֿגענייט אין מתים-שטעפּ, און אַ ליינען מיצל, וואָס די זקנה האָט זיך געהאַט פֿריער אָנגעגרייט; אַן אַנדערע האָט אַריינגעטראָגן אַ שוואַרץ טראָג-ברעט. רעכעלען האָט מען אַוועקגעשיקט צו ר׳ זיידל בערס אַ ווייטער קרובה. די לוויה איז איינגעריכט געוואָרן אינדערגיך און ר׳ זיידל-בער האָט געזאָגט קדיש. פֿאַרנאַכט האָט דער פֿעטער געשיקט רופֿן רעכעלען צוריק אַהיים. דער נאָסער דיל איז שוין געווען צוגערוימט און באַשיט מיט זאַמד. אין אַ קעסטל מיט ערד האָבן געשטעקט דריי ברענענדיקע נשמה-ליכט. דער פֿעטער איז געשטאַנען איינגעהילט אין אַ ווייסן קיטל, אין געוואַנטענע שיך, און דעם קאָפּ האָט באַדעקט אַ ווייסע הויב, אויסגעהאָפֿטן מיט גילדערנע פֿעדים און באַהאָנגען מיט פֿראַנזן. די שוואַרצע באָרד איז געווען צעקעמט און פֿייכט פֿון דער מקווה. די פּאות, לאַנגע ווי צעפּ, האָבן זיך געוואָרפֿן און געטריפֿט. ער האָט אינגאַנצן געהאַט דאָס געשטאַלט ווי איינער פֿון יענע הייליקע און פֿרומטיקע תנאים, וואָס וועגן זיי האָט רעכעלע געלייענט אין ספֿרימלעך אויף עברי-טייטש. ער האָט אַרויפֿגעלייגט ביידע הענט אויף איר קאָפּ און מיט אַ וויינענדיק קול געזאָגט:

- ישימך אלהים כשרה, רבקה, רחל, לאה... זיי געבענטשט און גערלייטזעליקט, קינד, און גיב אַכט אויף דער שטוב...למען השם!...

רעכעלע האָט געעפֿנט די ליפּצן עפּעס אָפּצוענטפֿערן, אָבער דער פֿעטער האָט האַסטיק אויפֿגעפּראַלט די טיר, איז אַרויס און שיר נישט פֿאַרלאָשן די ליכט. רעכעלע איז געבליבן שטיין אינמיטן שטוב, זיך אומגעקוקט דערשטוינט, ווי זי וואָלט זיך דאָ געפֿונען צום ערשטן מאָל אין איר לעבן. דורכן קליינעם פֿענצטער אינדערהויף האָט אַריינגעקוקט אַ שטיק הימל, רויט ווי בלוט, און ס׳האָט זיך אַריינגעריסן אַ יללה, ווי פֿון איין גרויס שעכט-הויז. - לובלינער שמאָלע

געסלעך, באַלויכטענע פון דער אונטערגייענדיקער זון, זענען איצט פול געווען מיט ייִדן אין קיטלען, ווי מתים אין תכריכים. ווייבער זענען געווען אָנגעטון אין ווייסע שלעפּ-קליידער, אין זיידענע שאַרפן, באַהאָנגען מיט פּערל און גראָבע האַלדז-קייטן, מיט ציטערשפּילקעס און אָרעמבענדער, מיט בראָשן און לאַנגע אויערינג, וואָס וואַרפן זיך און פינקלען ווי געגליווערטס. די יעניקע, וואָס זענען היי-יאָר געוואָרן אלמנות אָדער האָבן פאַרלוירן קינדער, זענען אומגעלאָפן מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס, ווי זיי וואָלטן זיך געיאָגט נאָך עמעצן, געיאָמערט און הייזעריק אויסגעשריגן אַלץ די אייגענע ווערטער, ווי דולע. שכנים, וואָס זענען א ַגאַנץ יאָר געווען צעקריגט, האָבן זיך אַרומגעכאַפּט, צוגעקלעפּט זיך איינע צו דער אַנדערער, געשאָקלט זיך אין דער ברייט, ווי זיי וואָלטן נישט געקאָנט זיך פאַנאַנדערשיידן... יונגע ווייבלעך האָבן געשפּרייזט גיך און האָפּערדיק, אין איין האַנט געטראָגן די גאָלד-געליישטע מחזורים, מיט דער צווייטער אונטערגעהאַלטן דעם שלעפּ, געלאַכט מיט טרערן און זיך געוואָרפן איינע דער אַנדערער אויפן האַלדז. פיר מוידן האָבן אויף אַ רויט-געבעטער שטול געטראָגן אַ הונדערט-יעריקע זקנה, וואָס האָט מער נישט געקאָנט גיין. איר גאָלדן קלייד האָט קעגן זון-זעצונג אָפּגעלויכטן ווי פייער, די הויכע הויב, פול באַזועצט מיט קרעלן און איידלשטיינער, האָט געבליצט מיט אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן, און אירע לאַנגע אַטלעסענע בעדער האָבן געפלאַטערט אין ווינט. אַ קליינער זקן, געבויגן אין דרייען, מיט אַ ווייסער צעפלויגענער באָרד, איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף זיינע קוליעס, האָט אויסגעשפּרייט בלויע ציטערדיקע הענט, ווי אַ בלינדער, און געבענטשט די לייט, וואָס זענען פאַרבייגעגאַנגען - גרויס און קליין. די גאַנצע שול-גאַס איז באַשטעלט געוואָרן פון נידעריקע טישלעך מיט קערות. אָרעמעלייט - קרומע, שטומע, געליימטע - זענען געזעסן אויף פּיסן-בענקעלעך און געציילט זילבערנע און קופּערנע מטבעות, מיט וואָס דער עולם האָט זיך אויסגעלייזט פאַרן הייליקן טאָג. ירוחם, דער לובלינער בעל-תשובה, איז געשטאַנען, ווי אַלע יאָר, ביי דער טיר פון שולהויף, אַ באָרוועסער און אַ צעכראַסטעטער. ער האָט געוויינט מיט אַ גראָב קול אויף זיינע זינד, געבראָכן די פינגער:

- ייִדן, זייט מוחל, יי-דן!... רח-מים...רח-מים!...

נאָר דאָ, אין דער פאַרוואָרפענער גאַס, צווישן די דיקע ווענט, האָט רעכעלע געהערט פון דעם אַלעם בלויז אַ ווידערקול. רעכעלע איז לאַנג געשטאַנען אויף איין שטעל, אויסגעשפּיצט די אויערן און אירע שוואַרצאַפּלען זענען אַלץ ברייטער געוואָרן. עס איז געווען צום ערשטן מאָל, דאָס זי זאָל יום-כפּור ביינאַכט איבערבלייבן אַליין. יעדעס יאָר פלעגט די באָבע צוגרייטן חברטעס זיי זאָלן זיצן און פאַרברענגען מיט דער מויד. מען האָט איינע דער אַנדערער געפלאָכטען די צעפּ, גערעדט מיט פליסטערניש און געהאַלטן זיך ביי־זאַמען, אין איין בינטל ביים טיש. די נאַכט פון יום-כפּור איז אַ מוראדיקע. נישט איינמאָל האָט זיך פאַרלאָפן, דאָס פריצים זענען אַריינגעפאַלן אין ייִדישע שטובן און באַצוואונגען די בתולות. טיילמאָל פלעגן די ליכט זיך אויסבייגן און מען האָט געמוזט לויפן זוכן אַ גוי, ער זאָל זיי ווידער אויסגלייכן. אָפט האָבן זיך געטראָפן שרפות און עס זענען אומגעקומען קליינע קינדער. אַלע האָבן געוואוסט פון דער מעשה, ווי אין דער גרויסער קהלישער שול זענען פון גרויס ענגשאַפט דערשטיקט און צעטראָטן געוואָרן פיל מאַנסלייט און ווייבער, בעת מען האָט אַרויסגעלאָזט אַ קול, אַז עס ברענט אין שטאָט. אַחוץ דעם איז געווען באַקאַנט, דאָס יום-הקדוש צו כל-נדרי איז די לופט אָנגעפילט מיט נשמות פון געשטאָרבענע, וואָס קריגן נישט קיין תיקון אויף יענער וועלט. רעכעלע און אירע חברטעס האָבן אַנומלט אַליין געזען, ווי אַ נשמה איז פאַרבייגעפלויגן פאַר די ליכט און פאַרשוואונדן געוואָרן אין קוימען...די פלעמלעך האָבן לאַנג נאָכדעם זיך געשאָקלט און גערויכערט...

איצט איז רעכעלע געווען יום-כפּור ביינאַכט איינע אַליין, עטלעכע שעה נאָכדעם ווי מען האָט אַרויסגעטראָגן דאָס מת.

רעכעלע האָט געוואָלט אַרויסגיין אין גאַס און אַריינרופן מענטשן, אָבער זי האָט מורא געהאַט צו עפענען די טיר אין פינצטערן דורכגאַנג. זי האָט אויסגעקרימט די ליפּן צו שרייען, נאָר דאָס געשריי איז געבליבן שטעקן אין איר קעל. פון פּחד האָט זי זיך אַ וואָרף געטון אויפן באַנק-בעטל, זיך איינגעדרייט אין אַ קנויל, צוגעשלאָסן די וויעס און איבערגעדעקט זיך מיט דער איבערדעק. פון הינטער די ווענט איז דערגאַנגען צו איר אַ שטיל ברומעניש. דאָס קול איז אַפּירגעקומען ווי פון אונטער דער ערד און איר האָט זיך געדוכט, דאָס מען זינגט כל-נדרי. רעכעלע האָט גריילעך פאַרשטאַנען, דאָס זי הערט דאָס דאַווענען פון טויטע און זי האָט געוואוסט, אַז נאָכדעם לעבט מען מער נישט אויס דאָס יאָר.

רעכעלע איז איינגעשלאָפן. אין חלום איז געקומען צו איר די באָבע - אַן אָפּגעריסענע, אַ צעשויבערטע, ווי מען וואָלט זי נאָכגעיאָגט. די פאַטשיילע אויף איר קאָפּ איז געווען אויסגעשמירט מיט בלוט. זי האָט איר אַ רייב געטון איבערן פּנים מיט אַ היפּל שטרוי און געטון אַ געשריי:

- רעכעלע!... רעכעלע!...

רעכעלע האָט אַ ציטער געטון מיטן גאַנצן לייב און זיך אויפגעריסן, אַ באַגאָסענע מיט אַנגסטן. אין רעכטן אויער

האָט געקלונגען און גערוישט, און זי האָט דערשפּירט אין דער ברוסט אַ שטאַרקע ווייטיק. זי האָט געוואָלט וויינען, אָבער די טרערן זענען געווען אויסגעטריקנט. די שרעק האָט זיך ביסלעכווייז אָפּגעטון פון איר. זי האָט געהערט ווי מען גייט אַרום איבער דער שטוב, מען יאָגט זיך, מען רעדט אָפּגעהאַקטע ווערטער. די טעפּ אויף דער הרובע און אויף די בענק האָבן זיך גערוקט, זיך אויפגעהויבן אין דער לופט. דאָס קעסטל מיט די ליכט האָט זיך געדרייט און אונטערגעטענצלט. אַ שאַרלאַך-רויטקייט איז געשטאַנען צווישן די ווענט. אַלץ אַרום האָט געזאָטן, זיך געבראָכן, געקנאַקט, ווי דאָס הויז וואָלט געווען אַרומגענומען מיט פלאַמען... שפּעט ביינאַכט, ווען דער פעטער ר' זיידל-בער איז אַהיימגעקומען, האָט ער געפונען רעכעלען ליגן אַ צונויפגעקנוידערטע, מיט פאַרגלייזטע אויגן און מיט אַ פאַרהאַקט מויל. ר' זיידל-בער האָט געמאַכט אַ געשריי, לייט זענען זיך צונויפגעלאָפן. מען האָט דער מויד אויפגעריסן די ציין און אַריינגעגאָסן אין גומען זויערן וויין. אַ יידענע, אַ קענערין אין מינטערן פאַרחלשטע, האָט צעשטאָכן איר פּנים מיט די נעגל, אויסגעריסן פון איר קאָפּ גאַנצע הויפנס האָר. צום סוף האָט רעכעלע צוריק געוואונען דעם אָטעם און באַגונען צו קרעכצן, אָבער קיין לייט איז זי מער קיינמאָל ניט געוואָרן.

די ערשטע צייט איז אינגאַנצן אָפּגענומען געוואָרן פון איר דער דיבור. דערנאָך האָט זי צוריקגעקריגן דאָס לשון, אָבער אַלערליי קרענק האָבן זיך איר געקלאַמערט. ר' זיידל-בער האָט באַגערט חתונה צו האָבן מיט רעכעלען, וואָרום זי איז געווען אַ יפת-תואר און אַ מיוחסת, און ער האָט זי געראַטעוועט ווי אַן אייגענע טאָכטער. ער האָט צוגענומען אַ דינסטמויד, וואָס זאָל זי באַדינען. ער האָט באַנוצט אַלערליי רפואות און סגולות. מ'האָט צו איר אַרויסגעבראַכט אַן אָפּשפּרעכערין, געפּסלט איר לייב מיט השתנה, געשטעלט איר פּיאווקעס. רעכעלע איז געלעגן בייזאַמען, נישט געקאָנט זיך אויפשטעלן, און מען האָט זי געמוזט אויפזעצן און אונטערשפּאַרן. כדי זי צו מאַכן פאַרגעסן אין אירע פּיין, האָט ר' זיידל-בער איר געקויפט ספרימלעך און שטילערהייט אפילו געלערנט מיט איר תורה. דער פּוילישער דאָקטאָר, וואָס פלעגט צו איר קומען אָדער-שלאָגן, האָט צומאָל מיט איר געלייענט פון אַ לאַטייניש בוך. מיט דער צייט איז דעם מיידל בעסער געוואָרן און זי איז אויפגעשטאַנען, אָבער דער לינקער פוס איז געבליבן אָפּגענומען און זי האָט אים נאָכגעשלעפּט. ר' זיידל-בער איז פּלוצים געשטאָרבן, און רעכעלע איז צוריק איבערגעגאַנגען צו איר פֿאָטער ר' אלעזר באַבאַד, וואָס האָט דערווייל פאַרלוירן סיי דאָס ווייב, סיי דעם זון...

פון דעמאָלט אָן איז רעכעלע געווען נישט ווי אַלע אַנדערע.

זי האָט געהאַט אויסטערלישע קרענק און זיך אַרומגעטראָגן מיט פאַרבאָרגענע שלאַפקייטן. טייל האָבן גערעדט, אַז זי דאָס שווערע חלאת, אַנדערע האָבן געשמועסט האָט שטילערהייט, דאָס אַ שד געוועלטיקט איבער איר. אין גאָריי האָט ר' אלעזר אינגאַנצן זי געלאָזט אויף הפקר און איז אַלץ זעלטענער אַהיימגעקומען צו איר פון די דערפער. האָט מאַנכער געפּרואווט רעדן מיט אים וועגן זיין בת יחידה, האָט דער ייד שולדיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געענטפערט ווי אַ מבוהל:

- עט, נו, לאָזט מיך געמאַך... אין עצה ואין תבונה!...

(פונעם בוך "דער שטן אין גאָריי")

---

**(סוף פון ז' 12) מ. צאנין**

צוויי זונעלעך אנטיילגענומען אין אלע פייערונגען פון דער יידישער שול. זיי זענען געווען אָנגעטאָן פונקט אזוי ווי די קינדער איצט: בלויע בלוזעס מיט רויטע קראוואטן. די זאלן פלעגן זיין אויסגעפּילט מיט צעפילדערטע יידישע קינדער און פון דער סצענע האָט אראָפּגעשאלט א יום-טובדיקע קינדערשע פרייד. אירע צוויי זונעלעך האָבן געטיילט דעם גורל פון אלע לובלינער קינדער און די איצטיקע צען-צוועלף קינדערלעך אויף דער סצענע - דאָס איז דער גאנצער פארמעג פון דער יידישער שול, דאָס איז די גאנצע טרייסט פון יידישן לעבן.

שטייען אויף דער סצענע צען-צוועלף צעשטורעמטע נשמהלעך, מיט צעפלאמטע אייגעלעך און זינגען-אריין אין זאל:

מיר בויען ווידער, מיר בויען ווידער
א לעבן א נייס גייט אויף!

און קליינע קינדערשע פויסטלעך הויבן זיך אויף און זאָגן-אָן דער וועלט: "מיר זענען ווידער דאָ!"

אויפן לובלינער מארק, צווישן פיל צענדליקער סטראגאנעס האָב איך אָפּגעפונען צוויי יידישע סוחרים: איינער האנדלט מיט שניט-סחורה און דער צווייטער מיט פארטיקע מלבושים. אמאָל זענען אלע סטראגאנעס געווען יידישע און אלע קראָמען ארום - יידישע. פרעג איך איינעם: וואָס טוט איר דאָ אין א ים פון פרעמדע, פון שנאהדיקע מענטשן? ענטפערט מיר דער ייד: אונזערע עלטער-עלטער זיידעס, וועלכע זענען די ערשטע געקומען אהער קיין לובלין, האָבן זיך מסתמא געפילט נישט בעסער פון אונז. וועלן מיר פרווון נאָך אמאָל. מיר זענען דאָך דער ערשטער דור יידן אין לובלין, וועט אפשר אונזער התחלה זיין א מער מזלדיקע...

# לובלינער קוריאָזן

**אברהם בינשטאָק**

## ראַזאָווע ברויט - א דעליקאַטעס...

געווען אין לובלין פאַרמעגלעכע יידן און אויך א גרויסע צאָל אָרעמע לייט, וועלכע האָבן זיך רעקרוטירט פון סעזאָן-ארבעטן און ארבעטסלאָזע. אָפטמאָל זענען אַזעלכע געגאַנגען שלאָפן הונגעריק.

יונגע בחורים, נישט האָבנדיק קיין באשעפטיקונג, האָבן אויסגעפילט די צייט מיט ״מעסטן״ די לובלינער גאסן, אָפטמאָל ביז שפּעט ביינאַכט.

קומענדיק נענטער אהיים - צו דער יידישער געגנט, ביי דער גראָדזקער בריק (מיט נישט קיין שיינעם נאָמען), ביי דער קרייצונג פון די גאסן שעראָקע, זאמקאָווע, קאָוואלסקע, צירולניטשע, האָבן די יונגע חברה דערפילט דעם ריח פון פריש ברויט פון יאָסל בעקערס בעקעריי.

-נו, ווער מאכט א פונדע? - האָט מען געוואָרפן א געדאנק. די גרעסטע טייל פאַרמאָגט נישט קיין גראָשן. ס׳האָט זיך אָבער שטענדיק געפונען איינער, וואָס קאָן פונדעווען א שווארץ ברויטל. דער פון זיי, וואָס האָט געוווינט נענטער, האָט געבראכט פון דער היים א ציבעלע, אן אוגערקע, און מ׳האָט געפּראַוועט א סעודה. איר קענט זיך פאָרשטעלן דעם טעם פון א פריש שטיקל לובלינער ברויט?

## א כעלעמער מעשה אין לובלין

אויף קרולעווסקע 17 איז געווען א דרוקעריי ״פאָוושעכנא״. דער אייגנטימער, הער ווײנשטיין, געשטאמט פון כעלעם, א זון פון א באוווּסטער דרוקער-משפחה, נישט קיין עם-הארץ, האָט געענדיקט א האנדלס-שול. מען האָט אים פאַרשדכנט א לובלינער פריילין פון א רייכער, בכבודיקער משפחה. מיט צופיל חכמה האט ער נישט געקענט שטאָלצירן (נישט דערפאר ווייל ער האָט געשטאמט פון כעלעם).

פארנאכט, נאָך דער ארבעט, פלעגט ער פאַרשליסן די דרוקעריי און אויך די וווינונג און גיין כאַפּן די פרישע לופט. איינמאָל זענען אין שטוב אריין גנבים. איינער פון זיינע ארבעטער האָט זיך צוריקגעקערט אין דרוקעריי - נעמען עפּעס, וואָס ער האָט דאָרט פארגעסן און האָט געטראָפן אויפגעבראָכענע טירן און א גרויסע אומאָרדענונג אין דער וווינונג. וויסנדיק איינשטיינס שפּאציר-טראַסע, לויפט ער אויף דער גאס, טרעפט דעם בעל-הבית און זאָגט א דערשראָקענער:

- פאניע וויינשטיין, גנבים האָבן זיך אריינגעבראָכן אין אייער שטוב.

יענער דרייט זיך רויק אויס און זאָגט:

- ווי איז דאָס מעגלעך? די שליסלען זענען דאָך ביי מיר אין דער קעשענע...

## מ׳דאַרף נישט זיין פרום - מ׳דאַרף זיין גוט

דער ראש ישיבת חכמי לובלין הרב שאפּיראָ זצ״ל, האָט אָפּגעדרוקט דעם ״דף-יומי״, וועלכן פרומע יידן פלעגן לערנען יעדן טאָג. געדרוקט האָט מען אים אין דער דרוקעריי ״פראַצאַ״ אויף קרולעווסקע 3. דעם ״דף-יומי״ האָט געזעצט יונה, ווייל נאָר ער האָט געקענט צוזאמענשטעלן מיט ניקוד און אויך די רש״י פירושים. קיין פרומער איז ער נישט געווען, אָבער די קענטעניש זיינע געקראָגן אין חדר.

דער רב שאפּיראָ פלעגט אליין קומען אין דרוקעריי אדורכקוקן די קאָרעקטע, מ׳זאָל, חס-ושלום, נישט מאכן קיין דרוק-פעלערן. איינמאָל, זעענדיק דורכן פענצטער ווי דער רב דערנענטערט זיך צו דער דרוקעריי - שרייט מען צו יונהן:

- טו שנעל אָן דאָס היטל, דער רבי גייט...

דער הרב שאפּיראָ האָט, זעט אויס, דערהערט דעם ״סיגנאל״. קומט ער אריין, טרעפט שוין יונהן מיט א היטל און גיט צו אים גוטמוטיק א זאָג:

- ר׳ יונה, זייט נישט פרום, זייט בעסער א גוטער ייד.

## אין טריבונאַל: דער "געראַכטער שדים-משפּט"

ווער ס'געדענקט, איז אויף גראַדזקע-גאַס געווען דער טריבונאַל. אין איינער פון די אינטערעסאַנטסטע עקסקורסיעס האָבן מיר באַזוכט דעם געריכט-זאַל אין טריבונעל, און מ'האָט אונדז דערציילט אַ לעגענדע, וואָס דאַרף זיין אַן אמת:

ביי אַ רייכן גוטבאַזיצער, אַ פּרינץ, איז געשטאָרבן אַ פּאַראָבעק. ער האָט געוווינט אויפן שטח פון זיין פאַרמעגן, צוזאַמען מיט זיין ווייב און קינדער. נאָכן טויט פון פּאַראָבעק האָט דער פּרינץ באַזייטיקט די פרוי מיט די קינדער פון זייער שטוב. די פרוי האָט זיך געווענדט אין געריכט וועגן דער נישט געזעצלעכער עקסמיסיע.

ווי געוויינלעך אין יענער צייט זענען די ריכטער געווען אויף דער זייט פון די באַזיצער און האָבן צוגעפּסקנט גערעכט דעם פּריץ.

צוועלף ביינאַכט, ווי ס'ווערט דערציילט אין דער לעגענדע, האָט זיך אין טריבונאַל צונויפגענומען אַ ריכטער-צוזאַמענשטעל פון "שדים" (Diabelski sad) און אָנגעהויבן באַטראַכטן נאָך אַמאָל די אָנקלאַגע פון דער פרוי.

אין געריכט-זאַל אויפן גרויסן טיש, ווי דער שטייגער, איז געשטאַנען אַ גרעסערע פיגור - אַ צלם מיט יעזוסן אויף אַ פעסטן בראָנזענעם פּאָסטאַמענט.

די אַקטן פון דער פרויס משפּט זענען נאָך געלעגן אויפן טיש. דער עלטסטער פון די שדים האָט געפּסקנט, אַז דער פּסק-דין איז נישט קיין גערעכטער און זיי זענען אים מבטל. אַנשטאָט אַן אונטערשריפט (שדים שרייבן נישט), האָט דער "שופט" אַרויפגעלייגט זיין פייערדיקע האַנט אויף די אַקטן, און זיי זענען פאַרברענט געוואָרן - און אויפן הילצערנעם טיש איז געבליבן אַן אויסגעברענטער סילועט - די האַנט פון שד. דער סילועט פון דער טיף אויסגעברענטער האַנט איז איבערגעדעקט געוואָרן מיט אַ טיפן גלאָז אַלס זכר לדורות.

דער הייליקער יעזוס אויפן צלם, וועלכער האָט נישט געקענט צוקוקן, ווי די שדים האָבן געמאַכט אַ משפּט-צדק, נישט ווי ערדישע ריכטער, האָט פאַר גרויס בושה אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף צוריק. און אַזוי שטייט ביז היינט אַ זעלטענע פיגור מיטן הייליקן יעזוס מיט אַן אויסגעדרייטן קאָפּ.

## אַ "בלימעלע" פון טראַנספּאָרט-אַרבעטער אין לובלין

אויף איינער פון די פאַרזאַמלונגען פון די טראַנספּאָרט-אַרבעטער, איז באַהאַנדלט געוואָרן די אויפפירונג פון געוויסע בעלי-עגלות און טרעגערס. זייער אָפט הערט מען נישט-צענזורירטע קללות און אויסדרוקן, וואָס "אַפילו אַ קאָזאַק וואָלט זיך פאַרשעמט". מ'הערט שעלטן מיט די ערגסטע ווערטער, "פאַרבראַקט" מיט די טאַטעס און מאַמעס און אָפטער נאָך "צוגעשמאָלצן" מיט עלטערע דורות אין דער משפּחה.

דער רעדנער האָט זיך באַמיט איבערצייגן די אָנוועזנדע מיט דערציערישע ווערטער:

- מיר זענען דאָך מענטשן, יידן, און מ'דאַרף זיך באַמיען צו שעצן דעם כבוד איינער דעם אַנדערן. מיר אַרבעטן שווער. לאָמיר זיך אַ ביסל איינהאַלטן מיט אויסדרוקן, פּונקט ווי אַלע אַנדערע אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין שטאָט.

- אָבער וויאַזוי קען מען ווירקן אויף די "היצקעפּ", וואָס וועלן זיך ווייטער באַנוצן מיט אַ שמוציקן לעקסיקאָן? - פרעגט איינער פון די פאַרזאַמלטע.

און אָט קומט אַ פאָרשלאַג: פאַר נישט-צענזורירטע קללות און אויסדרוקן באַשטראָפן מיט איין זלאָטע. דער פאָרשלאַג ווערט איינשטימיק אָנגענומען ווי אַ באַשלוס.

אויף צומאָרגנס איז געווען בלויז צו באַוווּנדערן, ווי שטיל און רויק טרעפן זיך די טראַנספּאָרט-אַרבעטער. מיט ציין-קריצעניש האַלט מען זיך איין נישט אַרויסצוכאַפּן זיך מיט אַ מיאוס וואָרט - און קאָנפליקטן פעלן דאָך נישט.

עס גייען פאַרביי עטלעכע "רויקע" טעג, און ווי מ'האָט זיך געקענט פאָרשטעלן - ברעכט אויס אַ קריגעריי צווישן צוויי בעלי-עגלות: ס'האַנדלט זיך, ווער ס'דאַרף דער ערשטער נעמען די אַרבעט, וועלכע איז פאָרגעלייגט געוואָרן.ביידע זענען אָנגעקומען אויפן פּלאַץ אין דער זעלבער צייט. די לופט ווערט געשפּאַנט, און ס'ברעכט אויס אַ קריגעריי. די פאַרמיטלער, וואָס האָבן זיך אונטערגענומען צו לייזן דעם קאָנפליקט, קענען נישט באַהערשן די סיטואַציע.

איינער פון זיי האַלט נישט אויס דעם באַשלוס פון פאַראיין און שרייט אויס:

"זאָל מיך קאָסטן אַ זלאָטע, אָבער אַ רוח אין דיין טאַטנס טאַטן אַריין..."

(סוף אויף ז' 20)

# אין תפיסה אויפן ״זאַמעק״

**נאַטעק אקערמאַן**

דער וועג צום לובלינער ״שלאָס״ (״זאַמעק״) איז מיר געווען גוט באַקאַנט, און באַזונדערס נאָענט איז ער מיר געוואָרן אין לעצטן יאָר. כּמעט יעדן טאָג בין איך דאָרט פאַרבייגעגאַנגען, אַרייַנדרייענדיק זיך אינעם שמאָלן צירולניטשע-געסל, דורך וועלכן ס׳האָט קוים געקאַנט אַדורכפאָרן אַ פור. דאָרט האָט געוווינט עוואַ (מיין צוקונפטיקע פרוי). איך האָב געטראַכט: ווער ווייסט, ווי לאַנג מיר וועלן זיך נישט זען. פון צייט צו צייט האָט די פראַגע געעגבערט אין מוח.

מ׳האָט אונדז געפירט אין דער תפיסה-קאַרעטקע. אויפן הויף פון ״זאַמעק״ האָט מעט באַפוילן אויסצושטייגן. מיר זענען געווען זעקס יוגנטלעכע: צוקער, ניסענבוים, קערשענבלאַט (אַ נידעריקער, אין ברילן), צוויי מיידלעך, וואָס זענען מיר געווען באַקאַנט נאָר פון זען און איך. ס׳איז שוין צוגעפאַלן די נאַכט. דורך אַ טונקעלן קאָרידאָר, האָט אונדז געפירט אַ וועכטער, וועלכער האָט געעפנט אַ קליינע, פינצטערע קאַמער און דערקלערט, אַז איצט איז שוין שפּעט, מאָרגן וועט מען דערליידיקן אין דער קאָנצעלאַריע אַלע פאָרמאַליטעטן און ״איר וועט דאָ איבערנעכטיקן״. די מיידלעך האָט מען אַוועקגעפירט אין דער פרויען-אָפּטיילונג. מ׳האָט אונדז נישט געגעבן קיין שעניקעס. נישט אויסגעטאָן, אין די מאַנטלען, האָבן מיר זיך אַוועקגעלייגט אויף דער צעמענטענער פּאָדלאָגע און מידע אַיינגעשלאָפן.

אין דער פרי, נאָכן אויסטרונקען די ביטערע תבואה-קאַווע, ווייל דאָס שוואַרצע  תפיסה-ברויט האָבן מיר נישט געקענט אַראָפּשלינגען, האָט מען אונדז אַרייַנגעפירט אין דער קאָנצעלאַריע, פאַרשריבן אין די ביכער, אויסגעפולט פאָרמולאַרן, אָפּגעגאָלט די קעפּ, אָנגעטאָן די גראָע קליידונג און מיר זענען אויף אַ 2-וואָכיקער קאַראַנטין איבערגעגאַנגען אין דער באַרימטער, קיילעכיקער ״באַשטע״, מיט אירע דיקע ווענט. מיט אַמאָל האָב איך זיך געפונען מיט חברים אין אַ רונדיקער, טונקעלער קאַמער מיט אַ בעטאָן-פּאָדלאָגע. אַלץ צוזאַמען האָט געמאַכט אַ שווערן איינדרוק. דער עלצטער פון דער קאַמער, מיט אַ פּנים פון אַ געבוירענעם באַנדיט, האָט אונדז דערקלערט דעם רעגולאַמין און סדר און דערביי געוואָרנט, אַז אין פאַל מיר וועלן זיך נישט אויפפירן ווי ס׳געהער צו זיין, וועט ער לאָזן אין גאַנג 2 געפלאָכטענע האַנטעכער, וועלכע האָבן אים געדינט ווי אַ שטעקן צו שלאָגן די ״פאַרזינדיקטע״.

אין דער קאַראַנטין האָב איך געטראָפן אַ סך יונגעלייט פון לובלין און אומגעגנט, קרבנות פונעם צעווילדעטן טעראָר פון פּראָקוראָר באָריטשקאָ. אין געשפּרעכן מיט זיי, האָבן מיר זיך דערוווּסט, ווי ס׳זעט אויס די לאַגע אין תפיסה. די ״באַשטע״ איז באַשטאַנען פון 3 שטאָק. אויפן העכסטן שטאָק זענען געזעסן די נישט איינגעבראָכענע קאָמוניסטן, דער שטאַב פון דער תפיסה-קאָמונע. אין יאָר 1937 איז די לובלינער תפיסה געווען אַן אָרט פון בלוטיקע רעפּרעסיעס קעגן די פאָדערונגען און פּראָטעסטן פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע צוליבן באַגרענעצן זייערע רעכט, ווי די פּרוּוון זיי גלייכצושטעלן מיט די קרימינעלע פאַרברעכער, מיט טראָגן די תפיסה-קליידונג. די דאָזיקע רעפּרעסיעס האָבן זיך געענדיקט מיטן אונטערשרייבן לאָיאַליטעט-דעקלאַראַציעס, דורך אַ טייל פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע, אָדער מיטן איבערפירן זיי אויף דער פערטער אָפּטיילונג. אויף דער אויבערשטער באַשטע זענען געבליבן די אַמיינסטן אויסגעהאַלטענע, וואָס זיי האָט גאָרנישט איינגעבראָכן, בעת די גרעסטע טייל איז געזעסן אין דער פערטער און פינפטער אָפּטיילונגען, וווּאַהין מ׳האָט איבערגעשיקט די כּסדר אָנקומענדיקע מענטשן, באַשולדיקטע אָדער פאַרדעכטיקטע אין קאָמוניזם. די אָנפירונג פון דער קאָמונע האָט געשטרעבט צוריק צו פאַרפעסטיקן זי און געווען צופרידן, וואָס נייע כּוחות האָבן געשטאַרקט די אָפּגעשוואַכטע אָרגאַניזאַציע אויף די דערמאָנטע אָפּטיילונגען.

אויפן צווייטן טאָג, זענען מיר צום ערשטן מאָל אַרויס אויפן תפיסה-הויף אויף אַ שפּאַציר. אינמיטן פון דעם אָרט, אָפּגעטיילט מיט קוסטעס, זענען געשטאַנען בענק און ס׳האָבן שפּאַצירט עטלעכע אַרעסטאַנטן. צוויי פון זיי האָב איך דערקענט: אָקאָנאָווסקי און דוראַקעוויטש, אַ ווערקצייג אין די הענט פון פּראָקוראָר באָריטשקאָ צו פאַרבריצירן מאַסן-פּראָצעסן קעגן קאָמוניסטן אין לובלין און אומגעגנט. זיי האָבן גענומען שמייכלען צו אונדז איראָניש, אָבסערווירנדיק די נייע קרבנות. ס׳איז ניט שווער געווען זיך אָנצושטויסן, אַז נאָכן באַווייזן זיי פאָטאָגראַפיעס פון פאַרדעכטיקטע, האָבן זיי גלייך פעסטגעשטעלט, אַז די פּערזאָן איז זיי באַקאַנט און אויפן אָרט צוגעטראַכט ״זאַכלעכע באַווייזן״: ווען און ווו זיי האָבן אים געזען, וואָס ער האָט געטאָן און ענלעכע פּלוידערייען. איז זיך נישט צו וווּנדערן, אַז נאָכן באַקומען מיין באַשולדיקונג-אַקט, האָב איך ערשט געזען, אַז פון

אַנהייב ביזן סוף, איז ער געווען צונויפגעשטעלט פון אויסטראַכטענישן - ווייל פון מיין אמתדיקער טעטיקייט, איז כמעט גאָרנישט דערמאָנט געוואָרן. נאָר אויף יענעם שפּאַציר, האָב איך זיך נאָך נישט אָפּגעגעבן קיין דין-וחשבון פון דעם אופן פון פאַבריצירן באַשולדיקונגען דורך די הערן באָריטשקאָ און קמיעטשיצקי (שעף פון דער געהיים-פּאָליציי אין לובלין). נאָר אַ שלעכט געפיל האָב איך יאָ געהאַט אויפן דערמאָנטן שפּאַציר, דערזעענדיק די צוויי מוסרים און פּראָוואָקאַטאָרן. נאָך 15 מינוט אויף דער פרישער לופט, האָט מען זיך אומגעקערט אין קאַמער.

די טעג אין קאַראַנטין זענען געווען קאַשמאַרפולע. מיר האָבן זיך געפונען אין אַ געזעלשאַפט פון גנבים און באַנדיטן, און דער טעראָר מיט וועלכן ס'האָבן זיך באַנוצט דער קאַמער-עלצטער און די תּפיסה-אַדמיניסטראַציע, זענען געווען אומדערטרעגלעך. מיר האָבן אויסגעקוקט דעם מאָמענט פון אַריבערגיין אין אַ קאַמער פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע. מיר האָבן געוווּסט פון דערציילונגען, אַז נאָך דער אַקציע אין תּפיסה אין פאַריקן יאָר, הערשט ווייטער טעראָר און ברוטאַלע שיקאַנעס, וואָס איז געווען נישט נאָר אַ רעזולטאַט פון דער אַקציע, נאָר אויך אַ בפירושע אָנווייזונג פון פּראָקוראָר באָריטשקאָ צו דער תּפיסה-אדמיניסטראַציע.

מיר האָבן געהאַט נישט איין געלעגנהייט צו דערקענען דעם אַספּיראַנט רענקאָוועק, וועמענס נאָמען די אַרעסטאַנטן האָבן אַרויסגערעדט מיט שרעק, כּעס, שׂנאה - נאָך אין דער תּקופה פון אונדזער געפינען זיך אין דער קאַראַנטין. איין מאָל, פאַרן מיטאָג, האָבן מיר דערהערט אַ באַפעל פונעם וועכטער אויף דער אַפּטיילונג: "אַכטונג!" אין איינינקע סעקונדן האָבן מיר זיך אויסגעשטעלט אין צוויי רייען. ס'איז אַריין געקומען דער שוין דערמאָנטער אַספּיראַנט. אַלע האָבן אים דערקענט, מיר האָבן וועגן אים געוווּסט פון פריערדיקע שילדערונגען. אַ מאָגערער, מיט בלאָנד-וואָנסעס, מיטעלער וווּקס. די אויגן האָבן ביי אים געגלאַנצט מיט פאַרביסנקייט. די שמאָלע ליפּן - צונויפגעפּרעסט. ער האָט אַ געשריי געטאָן: "נו, ווער פון אייך וויל אין דער קאָמונע? ווער איז קעמפּעריש"? קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן. מיר דערהערן אַ באַפעל: "פּאַלן"! מיר ליגן אויסגעצויגן אויף דער ערד. רענקאָוועק לויפט אַרום אונדז, קאָפּעט, שלאָגט מיטן בינטל שליסלען, ווי ס'האָט זיך געלאָזט. איך האָב באַקומען עטלעכע קאָפּע מיטן פוס, אַנדערע - מיטן שליסל איבערן קאָפּ. און דאָס אַלץ באַגלייט מיט געשרייען, מיאוסע רייד און באַליידיקונגען אויפן אַדרעס פון קאָמוניזם און קאָמוניסטן.

נאָך דעם ווי דער אַספּיראַנט רענקאָוועק האָט פאַרלאָזט די קאַמער האָט מען אונדז באַפוילן זיך אויפצושטעלן. צום ערשטן מאָל האָבן מיר דערפילט דעם טעם פונעם בעסטיאַלישן איזדעקוועון זיך אויפן לובלינער "זאַמעק", פון וועלכן מיר האָבן אַזוי פיל זיך אָנגעהערט.

ענדלעך זענען פאַריבער די 2 וואָכן און מ'האָט אונדז אַריבערגעפירט אין דער אָפּטיילונג. איך, צוקער און ניסענבוים, וואָס זענען אַרעסטירט געוואָרן אין דער זעלבער צייט, געפינען זיך שוין אין דער 24סטער קאָמער, אויף דער 4 טער אָפּטיילונג. הינטער אונדז פאַרמאַכן זיך דאָפּלטע טירן. אַ געלעכטער, אַ טומל. פרישע קרבנות זענען געקומען. די קאַמער איז געווען באַשטימט פאַר 12-16 אַרעסטאַנטן, נאָר דאָרט האָבן זיך געפינען 25-30. אויך נישט קיין סך אָרט, אָבער מערער ליכט ווי אויף דער "באַשטע". גרעסערע פענצטער. דעם אמת געזאָגט, האָב איך נישט קיין סך מענטשן פון דער קאַמער געקענט פערזענלעך, צי פון מיין טעטיקייט מיט זיי. אין דער קאַמער איז געזעסן מיכאַל שישקאָ, פון דער לינקער גרופּע פון טור (די יוגנט-אָרגאַניזאַציע פון דער פּ.פּ.ס. - פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי), וועלכע האָט מיטגעאַרבעט מיט די קאָמוניסטן; שלמה שטאָקפיש (היינט אין חיפה), ניוניעק גורפינקעל. די אַנדערע האָב איך געקענט פונעם זען און וועגן אייניקע האָב איך געוווּסט, אַז זיי זענען קאָמוניסטן.

אין תּפיסה זענען דעמאָלט געווען פאַרשפּאַרט אויך אַזעלכע, וואָס זענען געוואָרן אַרעסטירט צוליב אידענטישע פאַמיליע-נעמען. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט די פּאָליציי געזוכט דאָס 20-יאָריקע יינגל מאָרגנשטערן, וואָס איז אַרויסגעפאָרן פון לובלין - און אויף זיין אָרט האָט מען איינגעזעצט דעם עלטערן ברודער, אַ סוחר, וואָס האָט נישט געהאַט דעם קלענסטן שייכות צו דער באַוועגונג. מ'האָט געזוכט משה וויינפעלד און איינגעזעצט דעם מינדעריאָריקן ברודער הערש. די מאַסן אַרעסטן פון פּראָקוראָר באָריטשקאָ האָבן ניט געשוינט די שולדיקע און אומשולדיקע. דער עיקר - וואָס מערער פאַרשפּאַרן הינטער די קראַטן, פאַרפּאָלגן די פאַרדעכטיקטע אין קאָמוניזם. דער מעטאָד איז געווען אַ פשוטער: אַ פאַטאָגראַפיע, געוויזן אָקאָנאָוויסקין און דוראַקעוויטשן, ווי אויך דער באַשולדיקונג-מאַטעריאַל (דער אמתדיקער, אָדער פאַבריצירטער), זענען שוין געווען מאַסגעבנד, כדי צו באַקומען אַן אורטייל.

אויפן "זאַמעק" איז דעמאָלט געזעסן דער ברודער פון העניעק גאָלדבלאַט, פּישל, וואָס האָט נאָך מיט יאָרן פריער אונטערגעשריבן אַ דעקלאַראַציע, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון קאָמוניסטישער טעטיקייט. אויף די ברידער האָקען, צוויי

יונגע בחורים, וואָס האָבן נישט אָנגעהויבן צו וויסן וואָס מיינט קאָמוניזם. דער ברודער פון שלמה שטאָקפיש, דוד (איצט באַקאַנטער דעראַקטאָר און זשורנאַליסט אין ישראל, לאַנגיאָריקער פּאַרזיצער פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס איז געווען באַקאַנט אין לובלין מיט זיין אַקטיווער טעטיקייט ביי די לינקע פועלי-ציון), איז אַרעסטירט געוואָרן אין יאָר 1938. מ׳האָט אויך אים ניט געשוינט. ס׳איז גענוג געווען דער בלויזער נאָמען שטאָקפיש, מ׳זאָל אים שטעלן פאַרן געריכט. נאָר די מערהייט אין דער קאַמער, איז געווען פאַרבונדן מיט דער באַוועגונג און אַקטיוו מיטגעאַרבעט אין דער אָרגאַניזאַציע.

אין יענער תקופה איז אויך געווען אַרעסטירט מיין קוזינע הדסה האָלצהעקער (אומגעקומען אין ראַטן-פאַרבאַנד) און דערמיט פאַרגרעסערט די צאָל אַרעסטאַנטן פון מיין משפחה. די זאָרג פון מיינע עלטערן, איז אויך געוואָרן די זאָרג פון מיין מומע האָלצהעקער.

מ׳האָט מיר באַשטימט אַן אָרט ווו צו שלאָפן אין קאַמער. ס׳איז געוואָרן טונקל. אויף די בענק האָט מען אויסגעלייגט לייטערלעך, און אויף זיי - שעניקעס. צוליב דער ענגשאַפט, האָט מען זיך נישט געקענט לייגן אויפן רוקן, איז מען געשלאָפן אויף דער זייט. איבערדרייען זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער, אַן דער הסכמה פונעם שכן, איז געווען זייער שווער. נאָר מ׳האָט זיך צוגעוווינט און ווי ס׳איז נישט איבערגעקומען די נאַכט.

פאַר יעדן אַרעסטאַנט אין קאַמער, איז געווען באַשטימט אַ פונקציע. איך האָב געוואַשן די מענאַשקעס נאָכן עסן. כ׳האָב זיך אָבער געפילט שלעכט. די איבערראַשונג צוליבן אַרעסט, איז נאָך נישט פאַריבער. כ׳האָב זיך נישט געקענט מוחל זיין, אַז איין וואָרט, אַרויסגערעדט צו שבע לינדערווורם, האָט מיר צוגענומען די פרייהייט. ווען נישט ז׳, וואָלט די פּאָליציי, נישט האָבנדיק קיין אַנדערע באַווייזן, מיר נישט אַרעסטירט. ס׳איז אָבער געווען אַ נישט לאָגיש דענקען, צוליב מיין איצטיקער לאַגע. גראָד אין דער צייט, ווען אונדזערע געפילן זענען געוואָרן רייף און ס׳האָבן זיך גענומען צייכענען פּערספּעקטיוון פאַר אַ בשותפותדיק צוזאַמענלעבן מיט עוואַן - האָט זיך אַלץ איבערגעריסן. איך האָב נישט געוווּסט, און נישט געקענט וויסן, ווי לאַנג וועט אויסקומען צו זיצן און צי וועט אַ לאַנגע צעשיידונג נישט גורם זיין צו פאַרלירן עוואַן. דער געדאַנק האָט דערפירט צו פינצטערע מחשבות. אָבער דער אַרעסט אין די באַדינגונגען, איז דאָך געווען אומפאַרמיידלעך. נאָר אויך אַן אַרויספאָר, אַן אַנטלויפן, האָט נישט אַלע געראַטעוועט. מ׳האָט זיי אַנטדעקט ערגעץ אַנדערש. און פאַר מיר איז עס געווען אוממעגלעך.

(פראַגמענט פונעם בוך "לובלינער דערינערונגען").

---

(סוף פון ז׳ 17)

## פונוואַנען שטאַמט דער נאָמען לובלין? (אַ לעגענדע)

אויף איינער פון די עקסקורסיעס מיטן נאָמען "Poznaj swoje Miasto" , אָנגעפירט דורך סטודענטן פון לובלינער קאַטוילישן אוניווערסיטעט (K.U.L.) , האָב איך געהערט צוו. אנד. די לעגענדע:

אַ געוויסן זונטיק פאַרנאַכט טרעפן זיך צוויי רייכע פריצים (גוטבאַזיצער) ביים טייך מיט ווענדקעס צו כאַפּן פיש. דאָס פלעגט זיין אַ באַליבטער ספּאָרט אויך אין די רייכע קרייזן. פאַרשטייט זיך, אַז די פיש איילן זיך נישט אַזוי שטאַרק צו ווערן געפאַנגען.
זיצן זיך אַזוי ביידע ביים ברעג טייך, פאַרוואָרפן די ווענדקעס און וואַרטן. ס׳כאַפּט זיך אַ פלאָטקעלע, נאָך אַ פלאָטקעלע - און קיין לייטישן פיש זעט מען נישט. פלוצלינג גיט דער שווים-קאָרעק אַ ציטער, אַ שלעפּ די ווענדקע ביי איינעם פון זיי. ס׳שאַפט זיך אַ שפּאַנונג... זיי הייבן זיך אָן צו שפּאַרן: - וואָס פאַר אַ פיש וועט דאָס זיין? szczupak lub LIN .
נאָכן אַרויסשלעפּן די ווענדקע מיט אַ שלאַין, זענען זיי אַדורכגעקומען און באַשטימט דעם נאָמען פאַר דער שטאָט: LUBLIN .

---


**ס׳זענען פאַרבליבן אַ קליינע צאָל עקזעמפּליאַרן**
**פונעם בוך זכרונות פון**
**נאַטעק אַקערמאַן**
**לובלינער דערינערונגען**
צו באַקומען ביים מחבר, אַן אַן אָפּצאָל, בלויז פּאָסט-אויסגאַבן
ווענדן זיך לויט דעם אדרעס:
ANATOL AKERMAN
Marknadsägen 115
18378 TÄBY
Sverige




teatrnn.pl

# אין לובלין - מיט 10 יאָר צוריק

זהבה ליכטענבערג/קיבוץ עברון

איך האָב תמיד געוואָלט דערציילן וועגן מיינע איבער-לעבונגען בעת דעם באזוך אין לובלין אין יאָר 1988. כ׳האָב אָנגעהויבן דערפון שרייבן א 4-5 מאָל, נאָר כסדר געקירצט, ווייל כ׳האָב געוווּסט אז צופיל אָרט איז ניט פאראן אין אונדזער ״קול לובלין״.

מיר האָט זיך זייער געוואָלט באזוכן מיין היימשטאָט וועלכע כ׳האָב נישט געזען זינט דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה. ס׳איז אונטערגעקומען אזא געלעגנהייט, ווען הער מאנפרעד פרענקעל און זיין פרוי שרה, א לובלינער יידישע טאָכטער, וואָס האָט איבערגעלעבט די שואה, האָבן אויף זייער חשבון פארבעטן אייניקע לובלינער יידן צו דעם אקט פון ארומצוימען דעם בית-הקברות אויף אוניצקע (וואלעטשניך), פארבונדן מיט דער דאטע פון 9טן נאָוועמבער 1942, די יאָרצייט נאָכן ליקווידירן דאָס געטאָ אין מיידאן טאטארסקי. נאָך א באראטונג מיט רבקהלע שטאָקפיש, האָב איך באשלאָסן צו פאָרן. מיר האָבן אָפּגעשמועסט זיך צו טרעפן אויפן פלי-פעלד אין ווארשע, ווייל די שטאָקפיש, האָבן באדארפט אָנקומען פון בעלגיע. פון זיי האָב איך אויך באקומען דעם טעלעפאָן פון בינעם און קאראָלא ווייס אין ווארשע, וועלכע איך האָב אינגאנצן נישט געקענט.
איך בין פון ווין אָנגעקומען אין דער הויפטשטאָט פון פוילן. ס׳איז געווען קאלט, א שניי. צו דעם אלעמען איז מיר געווען נישט אנגענעם צו טעלעפאָנירן צו לגמרי פאר מיר אומבאקאנטע מענטשן. נאָר נישט האָבנדיק קיין ברירה האָב איך אָנגעקלונגען און געהערט דאָס גינסטיקע וואָרט:

- קום צו פאָרן - און מיר אָנגעגעבן דעם אדרעס.

ביי דער פאמיליע ווייס בין איך געווען 4 טעג און מיט זיי באזוכט אין ווארשע אלע אינטערעסאנטע ערטער. בינעם און קאראָלא זענען זייער ליבע און גאסטפריינטלעכע מענטשן. שפעטער איז מיר געוואָרן באוווּסט, אז זייער היים איז תמיד געווען אָפן פאר לובלינער יידן.

ס׳איז געווען אָפּגערעדט זיך צו טרעפן אין ווארשע מיט די שטאָקפישס און צוזאמען מיט זיי זענען מיר אין א טעקסי אָפּגעפאָרן קיין לובלין. טראָץ דער שפעטער צייט, איז אין האָטעל ״אוניא״ געווען א סך מענטשן און אויך צוגעגרייטע צימערן, וועלכע ס׳האָט באשטעלט ה׳ פרענקעל. איך האָב זיך באקאנט מיט שרה פרענקעל, א הויכע, אָנגענעמע, שיינע פרוי. כ׳האָב זיך זייער מיט איר באפריינדעט. אין דער זעלבער נאכט האָט ה׳ פרענקעל פארבעטן אלעמען אויף אן אָוונט-ברויט, אין וועלכן ס׳האָבן זיך אויך באטייליקט דער שטאָט-פרעזידענט, פאָרשטייער פון דער פרעסע און ראדיאָ.

צומאָרגנס האָט מען זיך ארויסגעלאָזט אויף א שפאציר, כדי אָנצוקוקן די שטאָט. מ׳איז אדורכגעגאנגען די קראָקעווער פאָרשטאָט, די גראָדזקע, דעם טויער - און שוין: ס׳האָט זיך געענדיקט מיין לובלין... נישטאָ מער קיין יידישע גאסן און געסלעך, ס׳זענען געבליבן ליידיקע פלעצער, ערגעץ-ווו וואקסט ווילד-גראָז, עלעקטרישע לאָמפּן אויף סלופּעס. ס׳איז געבליבן בלויז דער זאמעק, ווי דער איינציקער עדות פונעם פריערדיקן, יידישן לובלין, וועלכן איך האָב אזוי גוט געקענט. דאָס אלץ מאכט אויף מיר א שרעקלעכן איינדרוק. נאָר מיר האָבן געהאט עטלעכע צוזאמענטרעפן מיט לובלינער יידן פון אויסלאנד.

אויפן דריטן טאָג זענען צום האָטעל פארפאָרן טוריסטישע אויטאָבוסן, וועלכע פירן אונדז אוועק צום אלטן בית-הקברות אויף שעננא, ווו ס׳געפונען זיך די קברים און מצבות פון צדיקים און רבנים מיט הונדערטער יאָרן צוריק. נאָר דאָס אָרט איז געווען מיין לעצטער באזוך פון די לובלינער אָנדענק-ערטער, ווייל איך האָב זיך אויסגעגליטשט, אומגעפאלן און נישט געקענט זיך אויפהויבן. ס׳איז געקומען צו פאָרן די ״גיכע הילף״, מען פירט מיך אָפּ אין שפיטאָל, דער רענטגען באווייזט, אז דער פוס איז צעבראָכן אויף 3 ערטער. דער פוס ווערט ארומגענומען מיט גיפס, איך קאָן ניט שטעלן קיין טריט. פון אלע מיינע פלענער צו זען און באזוכן די ערטער וואָס זענען פארבונדן מיט זכרונות און נאָסטאלגיע, איז גאָרנישט געוואָרן. אין בין געבליבן אין שפיטאָל מיט א צעבראָכענעם פוס. אלע האָבן מיך באזוכט, געהאָלפן מיט וואָס מ׳האָט נאָר געקאָנט.

די געסט פון אויסלאנד זענען זיך צעפאָרן. די פאָלאקן פון דער פריינטשאפט-געזעלשאפט פוילן-ישראל האָבן מיר געהאָלפן איבערצוקומען די צייט אין שפיטאָל. א דאנק די חברים פון ישראל, איז מיר געלונגען זיך אומצוקערן אהיים, אין מיין קיבוץ.

# א טראַגישע יאָרצייט

**שמחה ווייס / ווארשע**

״...דאָס רוישיקע יידישע לעבן פון לובלין געהערט שוין צו דער פאַרגאַנגענהייט. שווער צו גלויבן, אַז אָט די אַלע צענדליקער טויזנטער יידן פון אונדזער שטאָט, אונדזערע משפחות, אונדזערע פריינד, אונדזערע חברים זענען אומגעקומען אין גרעסטן טייל אין לובלין גופא. ווייל מיידאַנעק איז אַ באַשטאַנדטייל פון שטאָט. די לובלינער יידן האָבן זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז אין זייער אַ פאָרשטאָט וועט אויפגעשטעלט ווערן אַזאַ פאַרניכטונג-לאַגער, אין וועלכן עס וועלן דערמאָרדעט ווערן מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן...״.

(״דאָס בוך פון לובלין״)

״אין יעדער הייפעלע אַש זוך איך מיינע נאָענטע״... מיר וועלן זיי נישט געפינען. מען האָט זיי פאַרטיליקט, זיי האָבן זיך פאַנאַדערגעווייט ווי רויך.

יאָרן זענען אַוועק פונעם מאָמענט, ווען די היטלעריסטישע פעלקער - מערדער האָבן אויף אַ בעסטיאַלישן גרויזאַמען אופן דערמאָרדעט אין לובלין ביי אַ 40,000 יידן. אויפן באַפעל פון היטלערן, זענען געטויט געוואָרן 6 מיליאָן שוצלאָזע מענטשלעכע נפשות אין אייראָפּע, צווישן זיי העכער 3 מיליאָן איינוווינער פון פוילן, בלויז דערפאַר, וואָס זיי זענען געווען יידן.

דעם 9טן נאָוועמבער וועלן די צעזייטע איבער דער גאַנצער וועלט לובלינער יידן אָפּמערקן אָט דעם טראַגישן יאָרטאָג. דעם יאָרטאָג, וועלכן מיר טראָגן און וועלן טראָגן אין אונדזערע הערצער און זכרון. ווייל אין דאָזיקן טאָג האָבן די היטלעריסטישע הענקער דורכגעפירט דעם שענדלעכן טאַט פון ליקווידירן דאָס לובלינער געטאָ אויפן מיידאַן טאַטאַרסקי. אויף אַ באַרבאַרישן אופן, מיט אַ שאָס אין נאַקן, אָדער דעם ציקלאָן ״ב״ האָבן זיי אין די גאַז-קאַמערן אומגעבראַכט אונדזערע טאַטעס, מאַמעס, שוועסטער און ברידער. אָן שום אויסנאַם. אַלטע, יונגע און שוצלאָזע קינדער. דאָס ״יידישע לובלין״ האָט אויפגעהערט עקזיסטירן. איך זאָג ״יידישע״ ווייל איין דריטל פון דער שטאָט - באַפעלקערונג זענען געווען יידן. איך זאָג ״יידישע״ ווייל לובלין איז פון XVI יאָרהונדערט געווען דאָס וויגעלע פון דער יידישער קולטור, ווייל מען האָט עס גערופן ״ירושלים דפוילן״ און ״עיר ואם בישראל שאין כמוה בכל העולם כלו״ (א שטאָט - אַ מאַמע ביי יידן, וואָס האָט נישט איר גלייכן אויף דער גאַנצער וועלט).

אין משך פון העכער 5 יאָרהונדערטער האָבן זיי דאַ געמיינזאַם געלעבט מיט דער פוילישער געזעלשאַפטלעכקייט, געבויט און געשאַפן אַזוי די פוילישע, ווי די יידישע קולטור.

לובלין האָט געגעבן דעם יידישן פאָלק אַזעלכע רבנים, פילאָזאָפן תלמודיסטן, דאָקטוירים און שרייבער ווי:

שלום שכנא - דער ערשטער לובלינער רב, וועלכער האָט אַדאַנק דער פריווילעגיע פון קעניג זיגמונט געטראָגן דעם בכבודיקן נאָמען ״דאָקטאָר יודאַעאָרום לובלינענסיום״ און האָט געהאַט רעכט צו ווינען אין אַלע שטעט פון דער פוילישער רעפובליק. די היסטאָריקער האָבן אים גערופן ״דער פאָטער פון תלמודיסטישן וויסן״. ביים איבערגעבליבענעם ביז עד היום קבר פון ר׳ שכנא (געשטאָרבן אין 1558-סטן יאָר) אויפן אַלטן לובלינער בית-עולם, לייגן פרומע יידן ״קוויטלעך״ און צינדן אָן ליכט.

שלמה לוריע - מהרש״ל, באַשטימט דורכן קעניג זיגמונט אַוגוסט אַלס רעקטאָר פון דער לובלינער ישיבה, אויטאָר פון עטלעכע באַקאַנטע ווערק, צווישן דאָס באַקאַנטע ״ים של שלמה״ און ליטורגישע דיכטונג.

ד״ר יצחק מאַי, חיים וויטאַליס און משה מאָנטאַלטאָ, דאָס זענען באַרימטע דאָקטוירים, וועלכע האָבן געהיילט פירשטן און אַפילו פוילישע קעניגן.

זאַלקינד הורוויץ (געבוירן אין 1740-סטן יאָר) איז געווען באַקאַנט אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור ווי אַ ״ייד פון לובלין״. אויטאָר פון ליטעראַרישע און פילאָזאָפישע עסייען און דעם ווערק א״נ ״אפּאָלאָגיע פון יידן״, סעקרעטאַר פון דער קעניגלעכער ביבליאָטעק אין פאריז 1789.

עמיל מייערסאָן - פילאָזאָף און שעפער פון דער נייער ריכטונג אין דער פילאָזאָפיע, וואָס ווערט גערופן ״קאַוזאַליזם״.

מאַלווינע מייערסאָן - די אויטאָרין פון העכער אַ צענדליק אַרטיקלען און 2 ראָמאַנען אויף יידישער טעמאַטיק: "דוד" (1868) און "פון ענגן קרייז" (1878).

שלמה ברוך ניסענבאַום - בוכהענדלער און היסטאָריקער אויטאָר פון דער געשיכטע פון די לובלינער יידן א"נ "לקורות היהודים בלובלין" (1899).

פראַנטשישקא אַרענשטיין - באַקאַנטע דיכטערין, דערמאָרדעט אין וואַרשעווער געטאָ (1943?).

ר' מאיר שאַפּיראָ - אָנבינדנדיק אין די רייכע תלמודיסטישע טראַדיציעס, האָט ער אויסגעבויט אין 1930 די גרעסטע אין אייראָפּע ראַביניסטישע הויכשול "ישיבת חכמי לובלין".

עס זענען נאָך געווען אַ סך אַזעלכע, וועמענס נעמען און פאַרדינסטן מען וואָלט באַדאַרפט אַריינשרייבן מיט גאָלדענע אותיות אין דער געשיכטע פון די פוילישע יידן.

און לובלין איז לסוף געווען דאָס זיצאָרט פון "ועד ארבע ארצות".

פאַר די היטלעריסטישע מערדער איז גענוג געווען קוים 3 יאָר אויף פאַרטיליקן סיי די יידן, ווי זייער גאַנצן פיליאָרהונדערטיקן פאַרמעג.

מען האָט אויסגעמאָרדעט דאָס פאָלק. פאַרבליבן נאָך אים איז קוים דער אָנדענק, ווייטיק און אומעט. דער מענטשלעכער זכרון איז, לײַדער אַ נישט דויערהאַפטער און היינט איז שווער צוריקשטעלן דאָס בילד פון יענע אימהדיקע יאָרן, טעג און די מאָמענטן פון טויט. די דאָזיקע דראַמע האָבן דורכגעלעבט נישט קיין סך. די יונגע און אויך די, וועלכע זענען צו יענער צייט נישט געווען, איז שווער צו באַגרייפן, פאַרשטיין און דורכלעבן אָט דעם שרעקלעכן טויט און די אַלע גרויזאַמע מאַטערנישן פאַר זייער סוף. זיי זענען אומגעקומען אין פייניקונגען און אין גרויסער, שווערער צום איבערגעבן פאַרצווייפלונג. זיי זענען געשטאָרבן באַרויבטע פון די עלעמענטאַרסטע רעכט פון שטאַרבן, פון די רעליגיעזע טראַדיציעס און מענטשלעכער ווירדע.

דער לובלינער בן-עיר יעקב גלאַטשטיין, וועלכער האָט זיין היימשטאָט דערהויבן צו דער עקדה פון יידישן אומקום אין דער פינצטערער היטלער-תקופה, האָט פאַראייביקט די געסלעך פון דער לובלינער יידישער אָרעמקייט און אין זיי כולל-געווען אַלע אַנדערע שטעט און שטעטלעך, וואָס דער דייטשישער אַכזר האָט אָפּגעמעקט:

אַלע לענדער, אַלע גאַסן, אַלע הייזער, אויף איין אויפגעשראָקענער,
אויפגעוואַכטער יידנגאַס,
וואָס האָט מיט אירע וואַרעמע שטיינער,
טוכלען געהילץ און מצבהדיקן ציגל
אויפגענומען מיינע אָנלויפנדיקע טריט.
די בשמים-געשעפטן,
די קאַשע און מעל-קראָמען,
די הערינג-געוועלבלעך,
די נאַפט-קלייטן און די געזייפטע ראַזורעס
די שייטל-און פאַרוק-מאַכערס,
די מאַנדלען, טייטלען און פייגן,
דאָס פריש-געבאַקענע זויער-ברויט,
די מאָן און געציבלטע פלעצלעך,
די חושכדיקע טשייניעס...

אַלץ איז צעשטערט און באַגראָבן געוואָרן. זיי זענען נישטאָ. מיר זוכן אומזיסט. פאַרבליבן זענען דערינערונגען פונעם לעבן, דער יוגנט און דער ביטערער אָנדענק פון טויט. דער אָנדענק, וועלכן מען טאָר נישט אויסמעקן און וועלכן מיר מוזן פאַרהאַלטן ווי אַן אייביק לעבעדיקע, ווייטיקדיקע און בלוטנדיקע וווּנד. מיר זענען די יורשים פון דער אויפשוידערנדיקער צוואה, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן מיטן בלוט און טרערן פון די קרבנות פון די היטלעריסטישע מערדער. מיר מוזן אים אָפּהיטן און איבערגעבן די ווייטערדיקע דורות.

דער אָנדענק פון די קרבנות און מאַרטירער פון לובלינער געטאָ זעט זיך אין עטלעכע ערטער פון שטאָט. אַן אָנדענק פון זיי איז דער אויפגעשטעלטער אין 1963סטן יאָר "דענקמאָל לכבוד די דערמאָרדעטע יידן". אַן אָנדענק איז דער אָנדענק - טאָוול אויף דער געוועזענער "ישיבת חכמי לובלין", וואָס איז איינגעמויערט געוואָרן אין 1983סטן יאָר, ווי אויך דער טאָוול אויפן געוועזענעם יידישן שפּיטאָל, וואָס איז איינגעמויערט געוואָרן אין 1986סטן יאָר. אַן אָנדענק נאָך זיי וועט אויך זיין דאָס דערעפנטע אין טאָג פון 9טן נאָוועמבער "אָנדענק-צימער" אין דער געוועזענער שיל אויף לובאַרטאָווסקע - גאַס 10. דאָרטן וועט זיך געפינען איר אָפּשפּיגלונג און דאַנקבאַרקייט פאַר די אַלע פאַמיליעס, וועלכע האָבן אין די שווערסטע מאָמענטן פון לעבן געאיילט מיט הילף פאַר די פאַרפאָלגטע דורכן אָקופּאַנט יידן.

אָנדענקונגען וועלן אויך זיין די טאָוולען, וואָס זענען איינגעמויערט געוואָרן אויפן אָרט פון דער געוועזענער מהר״ל-שול. אויף דער טשווארטעק גאַס די טאָוולען אויפן ״פאָלקס-הויז א״נ פון י.ל.פרץ״, דער טאָוול אויפן געוועזענעם יידישן ״יתומים-הויז״ אויף דער גראָדזקע - גאַס און די טאָוולען, וואָס וועלן דערמאָנען די אַמאָליקע יידישע גאַסן אין לובלין. איינע פון די לובלינער גאַסן אין אָנגערופן ״פלאַץ פון די געטאָ-קרבנות״. לזכרון פון די, וועלכע זענען אין ווייטיק און פייער אומגעקומען מיט אַ טראַגישן טויט און וועלכע האָבן נישט זייערע אייגענע קברים און מצבות. ס׳איז אָפגעריייניקט געוואָרן דער אַלטער און נייער יידישער בית-עולם אין לובלין.

אַ בילד, וואָס וועט אויף אייביק איינקריצן אין אונדזער זכרון די מאַרטיראָלאָגיע פון די לובלינער יידן זענען די ערטער פון די גרויזאַמע פייניקונגען. די שטעט, וועמענס נעמען אַליין קלינגען ווי טויט: דאָס זענען מיידאַנעק, סאָביבאָר, טרעבלינקע, אוישוויץ...

אַן אָנדענק נאָך זיי איז דער באַשלוס פונעם פאַרבאַנד פון די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפטן, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין 1947סטן יאָר אין לובלין. אין אויפרוף לייענען מיר:

שוועסטער און ברידער!
דער צוזאַמענפלי פון די לובלינער פאָרגעקומען דעם 7טן און 8טן סעפטעמבער 1947 (אין סליחות) אין אונדזער היימשטאָט לובלין, באַשליסט פייערלעך צו פראָקלאַמירן דעם 9טן נאָוועמבער אַלס יאָרצייט - טאָג פון אַלע אונדזערע קדושים און מאַרטירער.

דעם 9טן נאָוועמבער 1942 האָבן די היטלעריסטישע רוצחים דורכגעפירט דעם טרויעריקסטן און שרעקלעכסטן אַקט פון מאַסנווייזן אומברענגען די יידישע באַפעלקערונג פון לובלין און אומגעגנט.

דעם 9טן נאָוועמבער 1942-סטן יאָר זענען פון לובלין אַרויסגעשיקט געוואָרן העכער 18 טויזנט יידן צו דער שחיטה און פאַרניכטונג. זאָל דעריבער דער 9-טער נאָוועמבער זיין אַ קללה-טאָג פאַר אַלע באַטריבער און שונאים פון יידישן פאָלק.

זאָל דער 9טער נאָוועמבער זיין א טאָג פון ליבע און צוגעבונדנקייט צו אונדזער הייליקן מאַרטירער-פאָלק.

זאָל דער טאָג פון 9טן נאָוועמבער זיין אַ סימבאָל פון אונדזערע ליידן און אַ קין-צייכן און שאַנדע פאַרן גאַנצן דייטשישן פאָלק.
דער טראַגישער טאָג זינט דער ליקווידירונג פון לובלינער געטאָ רופט ביי אונדז אַרויס אומעטיקע און ווייטיקדיקע אויפרעגונג, וואָס איז פאַרבונדן מיטן טראַגישן גורל פון יידישן פאָלק. זאָל דער גורל און טויט פון די קרבנות זיין פאַר אונדז נישט בלויז אַן אָנדענק פון דער טראַגישער פאַרגאַנגענהייט, נאָר דער סימבאָל פון לעבן.

* *
*

״קריסטאלנאכט״. מיט דעם דאָזיקן קריפטאָנים האָבן די נאציס באצייכנט דעם ערשטן פאָגראָם איבער די יידן אין דייטשלאנד. סינאגאָגעס זענען געלאָזט געוואָרן אין פלאמען, די שוי-פענצטער פון יידישע געשעפטן זענען אין גלאָז-ברוך פארוואנדלט געוואָרן, שטורם-אָפטיילונגען פון ס.א. האָבן מארשירט איבער די גאסן פון בערלין מיט העסלעכע אנטיסעמיטישע אויסגעשרייען. דער עפילאָג פון דער וויסטער אנטיסעמיטישער וואקכאנאליע - 91 יידן זענען דערמאָרדעט געוואָרן. דאָס איז פאָרגעקומען דעם 8טן און 9טן נאָוועמבער פון 1938 סטן יאָר. דאָס האָט ארויסגערופן גרויס אומרו ביי די יידן אין דער גאָרער וועלט און באזונדערס ביי די יידן אין פוילן, ווו עס זענען אָנגעקומען טויזנטער פליטים פון דייטשלאנד. ווער האָט זיך אין די דאַזיקע אומרואיקע צייט אָפגעגעבן א רעכענונג, אז דאָס איז דער אָנהויב פון דעם שוידערלעכסטן קאפיטל זינט יידישע געשיכטע ווערט געשריבן - די שואה.

פיר יאָר נאָך דער ״קריסטאלנאכט״, אויך דעם 9טן נאָוועמבער איז פארניכטעט געוואָרן דער יידישער ישוב אין לובלין. איבער 40 טויזנט יידן האָבן אויסגעהויכט זייערע נשמות אין די גאז-קאמערן און קרעמאטאָריעס.

די דייטשן האָבן פארוואנדלט די לובלינער וואָיעוואָדשאפט אין א גיגאנטישער מאָרד-פאבריק. אויף דער דאָזיקער ערד זענען אויפגעשטעלט געוואָרן די אומקום-לאגערן בעלזשעץ, סאָביבאָר, טראווניק, פאָניאטווו און בלויז ביי 8-9 קילאָמעטער פון לובלין - מאידאנעק. צוזאמען זענען דאָרט דערמאָרדעט געוואָרן א מיליאָן פינף הונדערט טויזנט יידן פון פוילן און פון א ריי לענדער פון אייראָפע. דער הויפט-קאָנסטרוקטאָר פון דער מאָרד-פאבריק איז געווען דער פירער פון עס-עס פאָליציי פון לובלינער דיסטריקט גלאָבאָצניק.

**Liba**

**Liba żydowska miłość**
**w podołku ma kamyk i małe kanarki**
**nie sprzedaje kwiatów na żydowskim**
**targu**
**kanarki odlatują do innego raju**

**Liba żydowska miłość**
**w peruce ma świeczki i pióra**
**i syna ma Liba w peruce i**
**popiół**
**i nie mów do Liby "die Liebe"**

* * *

**kanarki nie kwitną na żydowskich**
**cmentarzach**

ליד פון אייניקל פון קאראָלא און בינם ווייס צום אָנדענק פון דער באָבע ליבע

שיר שכתבה נכדה של קרולה ובינם וויס לזכרה של סבתא לובה



דריי יוגנטלעכע אין לובלין, 1937: חיים מאָקרי, אדאם געלדמאַן, בינם ווייס

שלושה צעירים בלובלין, 1937: חיים מוקרי, אדם גלדמן, בינם וייס

ביז אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה האָבן אין לובלין געוווינט 42,800 יידן, א דריטל פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג. עס האָט געשוויבלט א שטורמיש און דינאמיש יידיש-געזעלשאפטלעך לעבן: פארטייען פון פארשידענע פּאָליטישע שאטירונגען, פּראָפעסיאָנעלע פארייניען, יוגנט-אָרגאניזאציעס, ספּאָרט-קלובן, כאריראטיווע געזעלשאפטן, 3 גימנאזיומס, וועלטלעכע און רעליגיעזע שולן, א רבנישע היכשול, א יידיש יתומים-הויז, א יידיש שפּיטאָל...

דאָס אלץ איז אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער אויבערפלאך פון דער ערד צוזאמען מיט די קולטור-ווערטן, געשאפענע און פארלויף פון יאָרהונדערטער.

* *
*

איך גיי איבער די גאסן פון לובלין. איך זוך שפורן פון דעם אמאָליקן שפרודלדיקן יידישן ישוב. איך זוך די קראוויעצקא, זאמקאָווא, פּאָדזאמטשע, יידישע גאסן זענען שוין אין לובלין נישט פאראן. זיי זענען פארשוווּנדן געוואָרן צוזאמען מיט די איינוווינער. אויף דעם מויער פון שטאָטישן שפּיטאָל איז פאראן אן אָנדענק-טאָוול אויף וועלכן עס איז אויפגעשריבן, אז דאָ האָט זיך געפונען דאָס יידישע שפּיטאָל, אויפגעבויט אין יאָר 1886. אין 1942 האָבן די דייטשן דערשאָסן די דאָרט ליגנדיקע קראנקע צוזאמען מיט דעם פּערסאָנאל. אין דעם פּרץ-הויז, די קוזשניע פון דער יידישער קולטור אין דער שטאָט, אויסגעבויט דורך דעם "בונד" געפינט זיך היינט דער אגראר-אינסטיטוט. אין דער געביידע פון דער בארימטער אין דער גאנצער יידישער וועלט ישיבת חכמי לובלין פארנעמט היינט די מעדיצינישע אקאדעמיע "קאָלעגיום מאיוס". עס איז דאָרט דאָ אן אָנדענק-צימער געווידמעט די געוועזענע ישיבה. עס הענגט דאָרט א גרויס בילד פון הרב שאפּיראָ, וועמענס נאָמען עס האָט געטראָגן די דאָזיקע רבנישע היכשול און עטלעכע מאָנאָגראפישע אָנגאבן. דער צימער איז געשלאָסן "אויף זיבן שלעסער", ער ווערט געעפנט ווען עס קומט א יידישע דעלעגאציע.

אזוי גייען מיר אין לובלין און זוכן שפורן פון א יידיש לעבן, פון איבער 40 טויזנט נפשות, וועלכע האָבן טאָג-טעגלעך באטראָטן די דאָזיקע גאסן. מיר טרעפן זיך בלויז אָן אויף טרוקענע אויפשריפטן, אז דאָ איז געווען, דאָ איז געשטאנען, אלץ אין דער פארגאנגענע צייט. געווען און מער נישטאָ.

# אויך דעם "שמע ישראל" האָבן זיי געזאָגט אין יידיש...

**רות גאָלדבערג**

**(פראַגמענט פונעם אַרייַנפיר צו מייַן בוך "הבית והשואה" - "היים און חורבן")**

דאָס וואָס ווערט דערציילט אין אָט דעם בוך, איז נוגע דעם שטעטעל קאָריוו און דער משפחה פון אסתר און יאָסל לערמאַן. ס'איז אַ דערציילונג וואָס מיין האַרץ האָט אַרויסגעבראַכט וועגן אַ ייִדישער היים אין איר בליִ, וווּקס און אומקום; אַ דערציילונג פול מוט פרייד און צער, ייִאוש און האָפענונג, שוואַכקייט און גבורה: וועגן עלטערן, קרובים, יוגנט און אירע וועגן און שטעגן, וועגן דעם אייביקן געראַנגל צווישן עלטערן און קינדער. איך מאַך אַ פּרווו אויפצושטעלן אַ בילד פון אַ שטעטל מיט אירע חכמים און תורה-מענטשן, מיט אירע לערערס און דערציִערס, מיט אירע קרעמערס און סוחרים, בעלי-מלאכות און האַרעפּאַשניקעס, מיט אירע ייִדישע מוסדות, געזעלשאַפטלעכע טוערס און פּאָליטישע באַוועגונגען.

ס'איז אַ דערציילונג פון שבת-יום טוב און פונעם אינדערוואָכן, פון אַלטאָג-זאָרג, מי און שעהען פון גייסטיקער דערהויבונג. ס'איז אַ דערציילונג וועגן אַ ווונדערלעך ייִדיש לעבן, וועגן מענטשן וואָס האָבן געבויט דאָס דאָזיקע לעבן ווי אַ שוץ-מויער קעגן די אַלע וואָס האָבן געזוכט עס צו פאַרלענדן, און ווי דאָס אַלץ איז חרוב געוואָרן בימי היטלער ימח-שמו.

דאָס דאָזיקע בוך האָט אייַנגעזאַפּט אין זיך אַ שלל פון זכרונות, וואָס האָבן געטליִעט אין מיר די גאַנצע צייַט און נאָך שטאַרקער אויפגעפלאַמט נאָכן חורבן. פינצטערניש האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אונדזער ייִדישער וועלט, אַן אמתע ליקוי-חמה. די איינציקע טרייסט איז הייַנט מדינת ישראל, די לעצטע רעטונג פאַר ייִדן.

יעדער ייִד וואָס האָט דורכגעמאַכט דעם חורבן און אָנגעהויבן פון דאָס ניַי זייַן לעבן, טראָגט אין זיך דאָס אַש פון אונדזער גרויסן בראַך. דעריבער קאָן ער נישט פאַרהוילן זייַן וויי און טרערן. זענען מייַנע אָנגעשריבענע בלעטלעך אַ שטיקל ווידוי, אַ חשבון-נפש פאַר זיך, פאַר חברים און פרייַנד, פאַר ייִדישע מענטשן בכלל. ס'איז אַ דערציילונג, וואָס ווערט ניט איבערגעריסן.

ס'האָט מיך ניט אָפּגעלאָזט דער דראַנג צו דערציילן. מייַן ווילן איז געווען ווידער זיך געפינען בייַם טיש פון מייַנע עלטערן, ביים שמועס מיט חברים, וואָס זענען שוין נישטאָ. איך זוך זיך אומצוקערן צו מייַן קינדהייט, צו דער יוגנט, צום לעבן וואָס איז געווען פול פרייד און זאָרג, צו די חלומות וואָס זענען אונטערגעקאָסיעט געוואָרן. מייַן ווילן איז געווען אומצוקערן צו מייַן שטעטעלע קאָריוו, וואָס שטייט נאָך גאַנץ אין מייַן חרובער וועלט.

בעתן חורבן האָב איך געזען אַ סך טויטע, וואָס האָבן געגאַרט צו קבר-ישראל. און זענען ניט געקומען. יעדע דערציילונג וועגן זיי איז אַ לעבעדיקע מצבה. מייַנע פשוטע ווערטער זענען אויסן צו שטעלן אַזאַ מצבה מייַן משפחה, משפחת לערמאַן פון קאָריוו, און אויך אַנדערע משפחות, וואָס האָבן אונדז באַגלייט.

ס'איז טרויעריק, אַ ים פון טרויער. אָבער דער זכרון איז וואַך. אין אים פולסירט לעבן.

צו מאָל דאכט זיך מיר, אַז כ'וועל נישט זייַן בכוח אויפצופלאָנטערן דעם זכרונות-קנויל, מחמת ער פאַרבאָרגט אין זיך אַזעלכע טראַגישע געשעעניִשן, וואָס איך זוך צו פאַרגעסן. נאָר ווי קאָן מען פאַרגעסן די אַלע ניגונים וואָס איך טראָג אין זיך - די נאָענטע און טייַערע ניגונים פון מייַן טאַטן, פון מייַן מאַמען, פון מייַן ברודער, פון אונדזער גאַנצע הייַם?

איך סטאַרע זיך ניט צו פאַרגעסן און דערצייל אין ייִדיש וועגן מייַנע איבערלעבונגען, ווייַל דער זכרון פאָדערט עס פון מיר. איך דערצייל אין ייִדיש און אונדזער פרייַנד, אַ ייִדיש-העברעיִשער שרייבער, איבערזעצט עס אין עברית - פאַרן יונגן דור אין ישראל. ייִדיש איז געווען און געבליבן מייַן שפּראַך. בלויז אין איר קאָן איך אויסדריקן מייַנע געדאַנקען און געפילן.

מייַן פאָטער, פון די אָנפירערס פון די לינקע פועלי-ציון אין אונדזער שטאָט, איז געווען פון די קעמפערס פאַר ייִדיש. די שפּראַך פון מייַן באָבען איז געבליבן מייַן שפּראַך, כאָטש איך טו אַלץ בכדי צו פאַרשטיין דאָס לעבן פון דער מדינה,

וואָס ווערט געפירט אין עברית. אָבער ייִדיש וועט לעבן אין מיר ביזן טאָג פון מײַן טויט. איך קאָן זי נישט פאַרבײַטן מיט קיין אַנדער שפּראַך. אַפילו שווײַגן, וויינען אָדער פרייען זיך קאָן איך נאָר אין ייִדיש. אויף דעם וואָס מיר האָבן פאַרלאָרן, קאָן איך טרויערן בלויז אין ייִדיש. כ׳קאָן זיך ניט פרייען, בעת אַ שמחה אָדער יום-טוב אין אַן אַנדער שפּראַך. מיט ייִדיש האָב איך זיך מתחתן געווען און מיט איר וועל איך לעבן און זי ניט פאַרראַטן.

פאַרראַטן ייִדיש באַטײַט פאַרראַטן מײַן היים, מײַן טאַטע-מאַמע, מײַן עָבר. כ׳בין פאַרבונדן מיט דער שפּראַך דורך אַ גרויסער ליבע, און זי פירט מיט מיר דעם אָפנהאַרציקן שמועס וועגן דעם, וואָס איז געווען און איז מער נישטאָ. וועגן מײַן שטעטל און אירע ייִדן. איך ווייס, אַז מען האָט פאַרטיליקט די לייענערס פון ייִדיש, צווישן זיי - אַלע מײַנע אייגענע. זי האָט שווער געליטן, די דאָזיקע שפּראַך. איך טרייסט זיך אָבער און זאָג, אַז זי וועט קיין מאָל ניט פאַרשווינדן, ווײַל אין איר שויס, אין איר האַרץ און אין אַלע אירע אברים זענען פאַרבאָרגן צו פיל פאָלקס-אוצרות.

איך טרויער אויפן גורל פון ייִדיש, וואָס אין אַלע אירע אויסדרוקן שפּיגלען זיך אָפּ די געשטאַלטן פון מײַן פאָטער, מײַן מוטער און פון די טײַערסטע וואָס איך האָב פאַרמאָגט. אויך צו די קרעמאַטאָריעס זענען זיי געגאַנגען מיט אָט דער שפּראַך. און אויך דעם "שמע ישראל" האָבן זיי געזאָגט אין ייִדיש. אין איר זכות ווײַן איך און אין איר זכות זענען מיר באַשערט אויך ליכטיקע שעהען, פרייד און יום-טוב. אָן ייִדיש וועפּט זיך אַלץ אויס בײַ מיר, צעווייעט זיך ווי אַ רויך...

מײַן זכרון. ער רעדט צו מיר אויף ייִדיש און קלאָרט מיר אַלץ אויס, וואָס איך האָב צו דערציילן. לאָז איך זיך אין וועג און דערצייל, וואָס דער זכרון דיקטירט מיר אויף אונדזער האַרציקן מאַמע-לשון - ייִדיש.

**מיר נייטיקן זיך**

אין עטלעכע עקזעמפלארן פון אונדזערע יזכור-ביכער אין יידיש און עברית:

**- דאָס בוך פון לובלין**

**- ספר יזכור לובלין**

מיר בעטן מיטברענגען אויף דער אזכרה.

**א דאנק**



א יידישע חתונה אין פיוסק.
חתונה יהודית בפיאסקי.




**אויך היי-יאָר קומט פאָר די אזכרה (25.11.98)**

**אין בית לייוויק, דב הוז 30 (פינת גורדון)**

**צווישן די גאסן דיזנגוף און בן-יהודה.**

**צופאָר: אלע אויטאָבוסן וואָס פאָרן אדורך דיזנגוף און בן-יהודה**

# זיי האָבן געראַטעוועט יידן

אלכסנדר שריפט

## אַריינפיר

די לעצטע אַרויסזאָגונגען פונעם גדאַנסקער גלח הענריק יאַנקאָווסקי, וועלכע האָבן אַ דורכאויס אנטיסעמיטישן כאַראַקטער און דאָס אוועקשטעלן די צלמים אויפן שטח פונעם פאַרניכטונג-לאַגער בירקענאַו האָבן באַווירקט, אַז אויפן טאָג - אָרדנונג איז אויפסניי ארויף די טעמע: פוילן, פּאָלאַקן, אנטיסעמיטיזם און אויך דער חורבן.

אין די דיסקוסיעס האָבן זיך די אנטיילנעמער נישט איינמאָל פאַרגאַלאָפּירט און זיך באַנוצט מיטן אַרגומענט ״אַז אַלע פּאָליאַקן״...

ס׳האָט אויך געטראָפן, אז געוויסע דיסקוטאַנטן האָבן פּראָטעסטירט קעגן דער שטעלונג - ״אז אַלע פּאָליאַקן״... און האָבן זיך פאַררופן אויץ דער סטאַטיסטיק פון ״יד ושם״ לויט וועלכער כמעט 5500 פּוילישע משפחות זענען אַנערקענט געוואָרן אַלס ״חסידי אומות העולם״ און געפלאַנצט בוימער אויפן ״הר הזכרון״ אין ירושלים.

ס׳איז ווערט אונטערצושטרייכן, אַז די אַיידעלע, גוטהאַרציקע און מענטשלעכע פּאָליאַקן, וועלכע האָבן אין יענער שווערער צייט, איינגעשטעלט זייער אַייגן לעבן און דערלאַנגט די נויטיקע הילף די גערודפטע יידן, האָבן זיך פאַרדינט, אַז מ׳זאָל זיי נישט אויסמישן מיט ״אַלע פּאָליאַקן״.

דעריבער זע איך פאַר אַ הייליקן חוב דערציילן וועגן די העלדישע מעשים פון די פּאָליאַקן - באלוינטע מיטן ערן טיטל ״חסידי אומות העולם״.

## אויפזיכט

די פרוי **אירענע סענדלער** פון אָטוואָצק איז אין אָנהייב פון דער אָקופּאַציע אוועקגעפאָרן קיין וואַרשע און אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער אָפּטיילונג פאַר סאָציאַלער הילף אין דער שטאָט - פאַרוואַלטונג. אין די ראַמען פון איר טעטיקייט האָט זי אָרגאַניזירט אַן אומלעגאַל קעמערל, וואָס האָט געטראָגן הילף יידישע קינדער. ווען זי האָט אין סוף 1942 איבערגענומען דעם אַמט פון לייטער פונעם קינדער-רעפעראַט ביים קאָנספּיראַטיוון ראַט פאַר העלפן יידן, האָט זי דאַן דיספּאָנירט מיט 10 פאַרבינדלערינס, וועלכע האָבן קורסירט צווישן געטאָ און דער אַרישער זייט. האָבנדיק א גילטיקן דורכגאַנג-שיין האָט זי פערזענלעך דורכגעפירט קינדער פון געטאָ און זיי איינגעאָרדנט אלס פוילישע קינדער אין יתומים-הייזער אין וואַרשע, ווי אויך אין טורקאָוויץ נעבן לובלין.

אין יאָר 1943 איז אירענא סענדלער אַרעסטירט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ און פאַרמשפּט געוואָרן אויף טויט. ס׳איז אָבער געלונגען זי אויסקויפן פון די נאַציש מערדער פאַרן געלט וואָס דער יידישער אונטערערד האָט צוגעשיקט מיט אַדאַלף בערמאַן. נאָכן באַפרייען זיך האָט די פרוי סענדלער געענדערט דעם פאַמיליע- נאָמען און דאָס וווינאָרט און ווייטער געטראָגן הילף יידישע קינדער.

אין יאָר 1965 האָט אירענא סענדלער באַקומען דעם מעדאַל פון יד ושם ״חסידי אומות העולם״ און געפלאַנצט אַביימל אופן הר הזכרון אין ירושלים אין יאָר 1983.

אין חודש סעפּטעמבער 1996 איז אירענא סענדלער באַלוינט געוואָרן מיט אַ קאָמאַנדורן-קרייץ פונעם אָרדער פון פוילנסווידערגעבורט, דורך דעם פרעזידענט פון דער פוילישער רעפּובליק, פאָר אָפּראַטעווען העכער 2500 יידישע קינדער פון אַ זיכערן אומקום.

**די גוטהאַרציקע פאַמיליע פּאָמאָרסקי.**
חנה פרעס פון תל-אביב, ארומגערינגלט מיט אירע קינדער און אייניקלעך דערציילט:
מיין פעטער משה זילבערנאַדל האָט געוווינט אין בעלזשעץ, און איך מיט מיין שוועסטער זענען געוועזן

ביים פעטער זינט דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה.

אין טאָג פון שמחת תורה 1942 האָט מען געמאָלדן, אַז אַלע יידן פון בעלזשעץ און אומגעגנט דאַרפן זיך שטעלן אויפן מאַרק-פלאַץ. אונדז פיר - מיין פעטער מיט דער מומע, מיר און מיין שוועסטער רבקה איז געלונגען צו אַנטלויפן אין דאָרף וואָיציעכאָוו. מירביידע, איך און רבקה, האָבן אראָפּגעריסן די געלע באַנד און זיך געלאָזט איבערן דאָרף זיכן אַ מקום מנוחה. קיינער האָט נישט געוואָלט אריינלאָזן צו זיך אין הויז. אזוי זענען מיר געגאַנגען און געגאַנגען ביז מיר זענען אוועק אויף דער קאָלאָניע "פּאַליקיע" און אָנגעטראָפן אויפן הויז פון די פּאָמאָרסקיס. אין דעם הויז האָבן געוווינט: דער פּאָטער יוזעף פּאָמאָרסקי מיט זיינע פיר זון, פון וועלכע וולאַדעק איז געווען דער עלסטער. די פּאָמאָרסקיס האָבן אונדז שוין נישט פאַרטריבן. יוזעף פּאָמאָרסקי איז געווען אַן אַלמן און די שוועגערין האָט געהאָלפן אין דערווירטשאַפט. דעם זעלבן טאָג איז די שוועגערין געקומען פון בעלזשעץ און דערציילט וועגן מאַסן-מאָרד אויפן מארק-פלאץ, וואָס די דייטשן מיט זייערע אוקראַינישע מיטהעלפער האָבן דורכגעפירט איבער דער יידישער באַפעלקערונג.

די שוועגערין, די קייטאַנאָוואַ ווי מ׳האָט זי גערופן האָט אויף אונדז אַ קוק געטון, אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז פיס און אַ זאָג געטון אויף איר דאָרפיש לשון: ס׳וועט נאָך זיין גוט-הערט אויף וויינען. און זי האָט צוגעגעבן "איך וועל קאַלכן די ווענט און איר וועט אויפרוימען. נאָכן אויסווייסן. אָבער פאַר אַלץ קומט אַריין, וואַשט זיך אַרום, עסט עפּעס וואַרעמס און שפּעטער צו דער אַרבעט".

די מענטשלעכע ווערטער פון דער קייטאַנאָוואַ האָבן אונדז אריינגעזעצט אַ נייע נשמה, נאָכן אָפּזאָגן פון אַלע אַנדערע, זי האָט אונדז אויפגענומען מיט האַרציקע, וואַרעמע מענטשלעכע ווערטער.

מיר האָבן זיך אויפגעהאַלטן ביי די פּאָמאָרסקיס, ווו אויך אנדערע יידן האַבן זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן. זיי האָבן שטענדיק געהאַט מיט אונדז מיטלייד און געטרייסט מיט אַ גוט וואָרט. אפילו דער יינגסטער זין-דער 12 יאָריקער טאַדעאוש פלעגט קומען ארויף אין אונזער באַהעלטעניש און ברענגען אַ גוטע ידיעה פון די פראָנטן.

ס׳איז געווען איינמאָל, ווען ס׳זענען געקומען אומגערעכט פיר יידן, וועלכע האָבן געמוזט פאָרלאָזן זייער סטאַביל אָרט און איך האָב דאָס דערציילט דעם פּאָטער - מור זענען געווען 8 פערזאָן - האָט ער געגעבן קאַרטאָפל און אַ גרעסער ביסל מעל כ׳זאָל אָפּקאָכן פאַר אַלע.

דער פּאָטער און אויך אַלע פיר זין האָבן זיך באַצויגן צו אונדז מיט אַזאַ וואַרעמקייט און איידלקייט, אז ס׳האָט ביי אונדז געשטאַרקט דעם ווילן צו קעמפן פאַרן לעבן.

און אַ דאַנק די פּאָמאָרסקיס האָבן 9 מענשן זיך געראַטעוועט פון אומקום.

דעם 24 סטן יוני 1987 האָט דער עלסטער זין וואַצלאַוו פּאָמאָרסקי מיט זיין פרוי העלענאַ געפלאַנצט א בוים אויפן הר ציון אין ירושלים.

די משפחה פּאָמאָרסקי - דער פּאָטער יוזעף און אַלע פיר זין האָבן ערלעך פאַרדינט דעם נאָמן "חסידי אומות העולם".

## ***ברוניאַ וואַסערמאַן דערציילט***

ווען די דייטשן האָבן באַפאַלן פוילן אין יאָר 1939, בין איך מיט מיין צוקונפטיקן מאַן אוועק קיין קאָוועל, וואָס איז שוין געווען אונטער די סאָוויעטן. מיר האָבן דאָרט געאַרבעט, געלעבט און אויך חתונה געהאַט. אין חודש יוני 1941 איז געבוירן געוואָרן אונדזער זונדעלע רישעק. מיין מאַן איז געווען מאָביליזירט אזוי, אַז איך בין געבליבן אַליין מיט אַ פּיצל קינד. מיין לאַגע איז געווען אַ גאָר טרויעריקע און כ׳האָב נישט געוווסט וואָס צו טאָן. כ׳האָב זיך געוואַלגערט פון איין אָרט צום צווייטן און געזוכט אַ מקום מנוחה. כ׳בין אַוועק זוכן הילף ביי אַ גלח, וועלכער האָט מיך אויפגענומען מיט אַזאַ ברוך הבא: "איר יידן וועט איצט באַצאָלן פאַר דער מאָרדן קריסטוסן". פון דעם "גייסטלעכן" בין איך אַוועק מיט אַ פאַרביטערט האַרץ. געטראַכט "מיין 14 חדשימדיק יינגעלע דארף באַצאָלן פאַרן דערמאָרדן כריסטוסן".

כ׳האָב פּרובירט מזל אין אַן אַנדערע פּאַראַפיע, אָבער דער גלח האָט מיך אויסגעהערט מיט אויפמערקזאַמקייט און מיטלייד און געזאָגט: "טאָכטער מיינע, איך פערזענלעך קאָן דיר נישט העלפן, ווייל מ׳קוקט מיר נאָך אויף שריט און טריט. אָבער פאָלג מיין עצה, גיי אַוועק אין דאָרף עליזוווקאַ און דאָרט וועסטו


KTO RATUJE JEDNO ŻYCIE, JAKBY ŚWIAT CAŁY RATOWAŁ ◆◆ כל המקיים נפש אחת ◆◆ כאילו קיים עולם מלא

# תעודת כבוד
# Dyplom Honorowy

NINIEJSZYM ZAŚWIADCZA SIĘ, ŻE RADA D/S SPRAWIEDLIWYCH WŚRÓD NARODÓW ŚWIATA PRZY INSTYTUCIE PAMIĘCI NARODOWEJ "YAD VASHEM" PO ZAPOZNANIU SIĘ ZE ZŁOŻONĄ DOKUMENTACJĄ POSTANOWIŁA NA POSIEDZENIU W DNIU 11·IX·1986 r. ODZNACZYĆ Józefa Pomorskiego I JEGO SYNÓW Piotra, Wacława, Tadzia i Aleksandra MEDALEM SPRAWIEDLIWYCH WŚRÓD NARODÓW ŚWIATA, W DOWÓD UZNANIA ŻE Z NARAŻENIEM WŁASNEGO ŻYCIA RATOWALI ŻYDÓW PRZEŚLADOWANYCH W LATACH OKUPACJI HITLEROWSKIEJ. WYMIENIONYM PRZYZNAJE SIĘ PRAWO ZASADZENIA POD ICH IMIENIEM DRZEWKA W ALEI SPRAWIEDLIWYCH NA WZGÓRZU PAMIĘCI W JEROZOLIMIE.

וזאת לתעודה שבישיבתה ביום ז אלול תשמ"ו החליטה הועדה לציון חסידי אומות העולם שליד רשות הזיכרון יד ושם על יסוד עדויות שהובאו לפניה, לתת כבוד ויקר ליוזף פומורסקי ובניו פיוטר, וצלב, טדזיו ו-אלקסנדר על אשר בשנות השואה באירופה שמו נפשם בכפם להצלת יהודים נרדפים מידי רודפיהם ולהעניק להם את המדליה לחסידי אומות העולם ולהרשות להם לנטוע עץ בשמם בשדרת חסידי אומות העולם על הר הזיכרון בירושלים.

Jerozolima, Izrael, dnia 24·VI·1987 r.

ניתן היום בירושלים, ישראל
כז סיון תשמ"ז

בשם רשות הזכרון יד-ושם
W IMIENIU "YAD VASHEM"

בשם הועדה לציון חסידי אומות העולם
W IMIENIU RADY D/S SPRAWIEDLIWYCH

KTO RATUJE JEDNO ŻYCIE, JAKBY ŚWIAT CAŁY RATOWAŁ ◆◆◆◆ KTO RATUJE JEDNO ŻYCIE, JAKBY ŚWIAT CAŁY RATOWAŁ

געפינען אַ געהעריקע הילף.
און ס'איז געשען. כ'האָב אין דעם פּוילישן דערפל געפונען צייטווייליקע אַרבעט - גענייט פאַר די פּויערים, אויך אויסגעפירט אַנדערע אַרבעטן.

אין אָט דעם דאָרף, אַרבעטנדיק ביי דער משפחה שטשעפּאַנאָוו, האָב איך צופעליק באַקענט אַ פּוילישע פרוי פון קאָוועל, וועלכע פלעגט ברענגען פון שטאָט געוויסע זאַכן און זיי אויסטוישן אויף פּראָדוקטן. די פרוי וואָלאָשינסקאַ (אזוי האָט זי געהייסן) האָט אויסגענוצט אַ מאָמענט, ווען קיינער האָט נישט באַמערקט און מיר געזאָגט, אַז אויב כ'וועל זיך געפונען אין אַ שווערער לאַגע, זאָל איך זי באַזוכן אין קאָוועל. זי האָט מיר געגעבן איר אַדרעס, כאָטש זי האָט געוווסט אַז איך בין אַ יידישקע, ווייל מיין יינגעלע איז געוועזן אָן הייזעלעך און זי האָט געזען, אַז ר'איז געמלעט. און פאַר העלפן יידן האָט געדראָט טויט-שטראָף.

-דאָך, ווען כ'האָב זי געפונען אין אַ שווערער לאַגע און באַזוכט די פרוי וואָלאָשינסקאַ, האָט זי מיך העפלעך אויפגענומען, מיט אַ פריינטלעך פנים, דערמעגלעכט אָפּוואַשן זיך און מיין קינד, געגעבן עסן, און דאָס וויכטיקסטע זי האָט מיך שטענדיק געטרייסט, צוגעגעבן מוט, כ'זאָל זיך נישט אונטערגעבן נאָר אַלץ טאָן, כדי איבערצולעבן די שווערע צייטן.

זי פלעגט מיר איבערגעבן ידיעות וועגן דער לאַגע אויף די פראָנטן און דערציילט: "די דייטשן הייבן זיך אָן צוריקציען... די סאָוויעטישע ארמיי ברעכט זיי אָן די ביינער"...ביי יעדן צוזאַמענטרעף, האָט די גוטמוטיקע, האַרציקע פרוי מיר אריינגעזעצט אַ נייע נשמה. אַ דאַנק איר פילזייטיקער הילף, האָב איך באַוויזן בייצוקומען אַלע שוועריקייטן און דערלעבן די באַפרייאונג.

נאָך דער מלחמה, ווען בראָניא מיט איר מאַן האָבן זיך נאָר וואָס איינגעאָרדנט, האָט זי אויפגעזוכט די פרוי וואָלאַטשנסקאַ און אָנגעהויבן מאַכן באַמיאונגען אין יד ושם.

און דער זון פון דער גוטהאַרציקער פרוי האָט אָפּגענומען דעם מעדאַל פון "חסידי אומות העולם" אין וואַרשע, פון די הענט פון ישראל אַמבאַסאַדאָר אין פוילן.


אזוי האָט אויסגעזען א הויז אויף שיראָקע אין 1942
מראה הבית ברחוב שירוקה בשנת 1942


teatrnn.pl

# טעאַטער "גראָדזקע טויער"

דאָס טעאַטער עקזיסטירט פון יאָר 1990. שטיצנדיק זיך אויפן פּראָגראַם, רעאַליזירט אין טעאַטער, איז אַנטשטאַנען דער צענטער "גראָדזקע טויער - טעאַטער נ.נ.". דער צענטער איז אַ זעלבסטשטענדיקע איינהייט, אַן אָפּטיילונג פון קולטור-צענטער אין לובלין. דאָס זיצאָרט פונעם צענטער איז דער גראָדזקע טויער פון 14טן יאָרהונדערט, באַקאַנט אויך אונטערן נאָמען דער יידישער טויער, וועלכער איז אַמאָל געווען אַ דורכגאַנג פון דער קאַטוילישער שטאָט אין דער יידישער שטאָט. אין זיינע פּראָגראַמען, בינדט אָן דער צענטער די סימבאָלישע באַדייטונג פון דעם טויער, ווי דאָס אָרט וואָס האָט אַמאָל פאַרבינדן פאַרשידענע פעלקער, טראַדיציעס און רעליגיעס.

פון סעפּטעמבער 1995 איז טעטיק אינעם צענטער די געזעלשאַפט "גראָדזקע טויער".

די הויפּט-ציִלן פונעם צענטער:

1. טעטיקייטן, וועלכע דינען פאַר צוזאַמענאַרבעט און דיאַלאָג צווישן שאַפונג-צענטערס אין דער מיטל-מזרחדיקער און מערבדיקער אייראָפּע.

2. עדוקאַציע פאַר אויפשטעלן אַ בירגערלעכע געזעלשאַפט און לאָקאַלע דעמאָקראַטיע.

3. אָפּהיטן די קולטור-ירושה פאַרבינדן מיטן זיצאָרט און סביבה פונעם צענטער.

4. אַרטיסטישע טעטיקייט פון טעאַטער נ.נ.

אין די ראַמען פון דער טעטיקייט פונעם צענטער, קומען פאָר:
צוזאַמענטרעפן פון אויטאָרן, פּאַרטנערן, סעסיעס, פּרעזענטאַציע פון טעאַטער-פאָרשטעלונגען, אויסשטעלונגען (פאָטאָגראַפיעס, מאָלעריי, גראַפיק), דעמאָנסטרירן פילמען, אַרטיסטישע וואַרשטאַטן, אויסשולונג.

איינער פון די וויכטיקסטע פּראָגראַמען, רעאַליזירט דורכן צענטער, זענען די "צוזאַמענטרעפן פון קולטורן". דאָס זענען פּראָגראַמען צו פּרעזענטירן די דערגרייכונגען פון אַרטיסטן און קולטור-טוער פון מיטל-מזרח און מערב-אייראָפּע, אין שיכות מיט דער לאַגע פון לובלין, אויף דער גרענעץ מזרח און מערב, צו אירע פיל קולטורן-טראַדיציעס. די באַטייליקטע אין די צונויפטרעפן זענען געווען אַרטיסטן פון ליטע, ווייסרוסלאַנד, אוקראַינע, רוסלאַנד, טשעכן, סלאָוואַקיי, אונגאַרן, דייטשלאַנד, ישראל.

אַ טייל פון די "צוזאַמענטרעפן פון קולטורן" זענען "צוזאַמענטרעפן מיט פּראַוואָסלאַוויע" און אויך צונויפטרעפן מיט דער ירושה פון לובלינער יידנטום - "לובלינער יידן".

אזא איז די "וויזיט-קאַרטע" פונעם פּראָספּעקט-מאָנטאַזש פון 32 ז"ז, אין דער פּוילישער שפּראַך, וואָס טראָגט דעם נאָמען "צוזאַמענטרעפן פון קולטורן", ווו ס'ווערן פאַרגעשטעלט פאָטאָקאָפּיעס פון צענדליקער פאַרשידענע קולטור-אונטערנעמונגען, געווידמעט. אויך יידישער טעמאַטיק, פאַרבונדן מיט לובלין:

ווייטער ברענגען מיר אויסצוגן פון דעם פּראָספּעקט (אָנאָנסן, קאָמוניקאַטן, ידיעות), בנוגע דעם אַמאָליקן יידישן לובלין.

* אַ יידישע שטאָט. לובלינער יידן. פּראָגראַם פון די צוזאַמענטרעפן. "טויער פון אָנדענק". נאָוועמבער, 1996. דערעפענונג פון דער אויסשטעלונג פון מאַרק לעשטשינסקי "יידישע שטעטלעך".

* 14 דעצעמבער. דערעפענונג פון אויסשטעלונגען-אינאַוגוראַציע ד"ר שמחה ווייס. פאָטאָגראַפיע - "יידן". צוו. אנד. פון דער זאַמלונג פון אָנדענק-צימער פון לובלינער יידן. גראַפישע רעקאָנסטרוקציע פון מצבות פון א. טשטשינסקי; פון אַלטע פּאָסט-קאַרטלען פון ר. באָדזשעוויטשעס זאַמלונג.

* פּרעזענטאַציע פון דאָקומענטאַרע פילמען מיט יידישער טעמאַטיק.

* 15 דעצעמבער: דערעפענונג פון דער אויסשטעלונג "ליכט אויפן ווינט" - פּיעסע וועגן יידן און יידישער טעמאַטיק. פון די זאַמלונג פון לובלינער מוזעאום "זאַמעק". 5 נ.מ. רעפעראַטן: שמחה ווייס - יידן אין לובלין ערב דער צווייטער וועלט-מלחמה. ראָבערט קובאַלעק - סאָציאַל-קולטורעלע ענדערונגען אין דער סביבה פון לובלינער יידן

אין 19טן יאָרהונדערט. טאדעאוש ראָדישיק - לובלינער יידן אין דער שטאָטישער געזעלשאפט פון 14טן ביזן 20סטן יאָרהונדערט. 8 אָווגט - חסידישע לידער און דערציילונגען אין דער אויספירונג פון שמחה קעללער-סקאָווראָנסקי, חזן פון דער סינאגאָגע אין לאָדזש.

* סעפטעמבער: אויספלוגן אויפן שליאך פון דער געשיכטע פון לובלינער יידנטום, מוזעאום אין קאָזלובקע, קוזמיר, זאמאָשטש.

* אָקטאָבער: ספעקטאקל-גאסטראָל "טויטע שעהן" - טעאטר "תנומה" (ישראל) אין די ראמען פון טעאטראלער קאָנפראָנטאציע קאָנצערט פון יידישע לידער, אין דער אויספירונג פון קאטערינע מוטהער און אולריך געאָרג (דייטשלאנד).

* נאָוועמבער: סעסיע "טויער פון אָנדענק - יידישע שטעט". דעם 27.11 - אויסשטעלונג "יידישע שטעטלעך" פון מארק לעשטשינסקי (צייכענונג); אויסשטעלונג "לובלין - שטעטל" פון קארל רישארד העגקער; רעפעראט "דער לעצטער יורש פון שאגאלן - דאָס יידישע שטעטל אין דער פּאָעזיע פון ארנאָלד סלוצקי"; פּראָיעקציע פונעם פילם "אין יעדער בערגל אש" - רעזשיסירט פון מאטשעי לעשטשינסקי און מיעטשיסלאוו שעמיענסקי.

* 28.11: "לובלינער יידן" (צום דערשיינען פונעם בוך אין פארלאג דאַבאַר און טעאטער נג). צוזאמענטרעף מיט די מחברים: מאָניקא אדאמטשיק-גארבאָווסקא, רענאטא בארטניק, ראָבערט קובאלעק, טאדעאוש ראדזשיק, אנדזשעי טשטשינסקי, שמחה ווייס, סלאַוואָמיר זשורעק (פּאָרזיצער); פּראָיעקציע פון די פילמען "שלום וברכה", רעזשיסירט פון מאטשעי לעשטשינסקי און מיעטשיסלאוו שעמיענסקי, ווי אויך דעם פילם "די לעצטען יודען פאָן לובלין", רעזשי: עליזאבעט פישער.

* די וואָס האָבן געהערט, ווי אזוי וולאדיסלאוו פאנאס האָט גערעדט וועגן טעאטער נג און וועגן חוזה פון לובלין, זענען אויך געקומען הערן ווי ער רעדט וועגן גראָדזקע טויער, און דערנאָך ווי ער האָט רעפערירט וועגן דער יידישער ליטעראטור. וולאדיסלאוו פאנאס, פּאָלאָניסט פון קאטוילישן אוניווערסיטעט אין לובלין, איז א לעקטאָר וואָס רייסט מיט, ווירקט ווי א מאַגנעט.

*

די אויבן געבראכטע ידיעות, מעלדונגען, ציטאטעס באווייזן, אז א דאנק אייניקע ערנסטע, גוטע פּאָלאקן ווערט אויפגעהאלטן דער אָנדענק פון דער קולטורעלער, רעליגיעזער און געזעלשאפטלעכער יידישער לובלין. נאָר בעת אין די צוזאמענטרעפן און אונטערנעמונגען מיט אנדערע נאַציאָנאלע קולטורן, וועלכע עס פירט אדורך דער צענטער גראָדזקע טויער און טעאטער נג, באטייליקן זיך (לויט דער טעמע) ליטווינער, ווייסרוסן, אוקראינער, רוסן טשעכן, סלאָוואקן, אונגארער, דייטשן, ישראלער - זענען נישטאָ דאָרט די אויטענטישע לובלינער, צי פוילישע יידן, אויף די אונטערנעמונגען וואָס שייך ייִדיש לובלין.

נאָר גוט איז דאָס. די דערמאָנטע פוילישע אינסטיטוציע טוט א ווירקטיקע ארבעט, וועלכע דארף נאָר באגריסט ווערן און איר ווינטשן המשך און דערפאָלג.

ד.ש.



דאָס הויז שעראָקע 28 ווו ס'האָט געוווינט דער חוזה פון לובלין

הבית ברחוב שירוקה 28 ובו התגורר החוזה מלובלין



לובלין, בראַמאָווע-גאַס 1924. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דער יידישער קוואַרטאַל.

לובלין, רחוב ברמובה, 1924. כאן התחיל הרובע היהודי.

# יידישע שטעטלעך ארום לובלין

אין לובלין איז לעצטנס דערשינען אן אילוסטרירטער פּראָספּעקט אין פּויליש און ענגליש ״צום אָנדענק פון יידן אין דער לובלינער וואָיעוואָדסטווע״, מיט איינציקע בילדער פון שילן, אינסטיטוציעס, טיפּן און געשטאלטן. פאראן דאָרט קורצע באשרייבונגען פון סך-הכל 16 שטעטלען פון לובלינער ראיאָן, וואָס זייערע נעמען רופן ארויס אָן א שיעור זכרונות, נאָסטאלגיע, ראָמאנטיק און איבערלעבונגען. ווער פון אונדז האָט דען נישט געהאט א וועלכע ס׳איז פארבינדונג מיט די ערטער. איז דאָך לובלין געווען פאר די שטעטלעך ווי א ״הויפּשטאָט״ אין עקאָנאָמישן, רעליגיעזן, קולטורעלן, משפחהדיקן, פארטייאישן און געזעלשאפטלעכן זין.

אין דער דערמאָנטער אויסגאבע, ווערן נאָר דערמאָנט 16 מקומות, לויטן פּויליש א״ב:

בעלזשיץ, בעכיווע, גליסק, יוזעפאָוו, קוזמיר, קאָצק, קראָשניק, לעוועטאָוו, לענטשנע, מארקושאָוו, אָפּאָלע, פּיוסק, פּאָניאטאָוו, פּילעוו, טראַווניק, וואָנוואָלניץ.

פארשטייט זיך, אז פּיל-פּיל ערטער האָט מען אדורכגעלאָזט. עס פעלן דאָרט אזעלכע באקאנטע שטעטלעך, ווי: קאָריוו, קאָנסקעוואָליע, אנאָפּאָל, באראנוויו, ביאלא-פּאָדלאסקא, בילגאָריי, כאָדעל, טשעמערניק, דוביענקע, פראמפּאָל, גארוואָלין, גאָרזשקוו, חרוביעשוו, איזביצע, יאנוּוו, יוזעפאָוו, קאָצק, קאָמאראָוו, קראסניסטאָוו, לאשטשוו, לענטשנע, לאָשיץ, מיעכיוו, מעזריטש, מאָדלבאָזשיץ, נאלענטשוו, אָפּאָלע, פארטשעוו, ראדזין, רייוויץ, ריקי, שטשעבזשעשין, טישעווצע, טאָרבין, טאָמאשאָוו, וואָנוואָלניץ, וולאָדאווע, זאקליקאָוו, זאקשיוועק, זשעלעכאָוו, זשילקעווקע.

די אלע, דערמאָנטע ערטער, פעלן טאקע אין דער פריער דערמאָנטער אויסגאבע, זיי זענען אָבער טיף אין אונדזער זכרון. און וויפל דען מקומות קאָן מען ״ארייננקוועטשן״ אין א פּראָספּעקט וואָס ציילט נישט מער ווי 16 זייטלעך? אָבער די 16 זייטלעך זענען באשריבן מיט וויכטיקן היסטאָרישן מאטעריאַל, אילוסטרירט מיט א ריי אינטערעסאנטע בילדער, פון וועלכע מיר ברענגען עטלעכע פון זיי.

ד.ש.



א וואסערטרעגער אין פּיוסק.
נושא מים בפיאסקי.



פארוואלטונג פון דער ייד. קהילה אין פּילעוו.
הוועד של הקהילה היהודית בפולאבי.

# לובלין פון היינט און פון נעכטן...

**דוד שטאָקפיש**

אין חודש מערץ 1998 איז אין בת-ים פאָרגעקומען א פריינטלעכער צוזאמענטרעף פון אָפּיציעלע פאָרשטייער פון איצטיקן לובלין: מגר. עדמונד דאָמבראָווסקי, פּאָרזיצער פון שטאָטראַט, פּיאָטר ריבאָיאַד, זיין פאַרטרעטער און זייער וואָרטזאָגער, ביי דער באגלייטונג פון א פאָרשטייערין פון דער פוילישער אמבאסאדע אין ישראל - מיט די מיטגלידער פון לובלינער קאָמיטעט און זייערע פרויען אין ישראל. דער ווערטער-אויסטויש איז געפירט געוואָרן אין פויליש.

זיי, אגב זייער סימפאטישע פּאָליאקן, האָבן דערציילט וועגן דעם נייעם לובלין, דעם רעסטאווירטן, אויסגעבוייטערטן, אינדוסטריעלן, קאָמערציעלן, קולטורעלן און דינאמישן - בעת דער שרייבער פון די שורות האָט אינפאָרמירט די געסט נאָר וועגן פאראייביקונג פון דער פארמלחמהדיקער, יידישער לובלין. און ס׳איז געווען פון וואָס צו דערציילן: אָנדענק, מצבות, יזכור-ביכער, חורבן-ליטעראטור, פילמען - וואָס אלץ צוזאמען שפּיגלט אָפּ דאָס ראשיקע, שפּרודלדיקע לעבן פון 45 טויזנט יידן אין לובלין, ערב דעם חורבן.

מיר האָבן געשילדערט **פארגאנגענהייט**, זיי - **קעגנווארט און צוקונפט**.

* מיר האָבן אינפאָרמירט די געסט, אז צוויי מאָל אין יאָר פירן מיר אדורך אזכרות נאָך די קדושים: אין חודש נאָוועמבער, אין א זאל: אין אפּריל, אין טאָג פון חורבן און אומקום, אויפן בית-הקברות אין נחלת-יצחק, ביי דער מצבה לזכר די קדושים פון לובלין און מיידאנעק.

* שוין אין יאָר 1952 איז דערשינען אין פאריז "דאָס בוך פון לובלין", אין יידיש - 600 ז"ז; מיט 4 יאָר שפּעטער, אין ירושלים, דאָס יזכור-בוך אין עברית, אין די ראמען פון "אנציקלופדיה של גלויות".

* פאר די לעצטע 50 יאָר האָבן זיך באוויזן א 20 ליטעראַרישע שאפונגען, בעיקר זכרונות, ביאָגראַפיעס, שילדערונגען, וואָס ברענגען ארויס דאָס יידישע לעבן אין לובלין - אין עברית, יידיש, ענגליש, פראנצויזיש, פויליש.

* אין 6 שטעט - תל-אביב (נחלת-יצחק), פאריז, ניו-יאָרק, מאָנטרעאל, טאָראָנטאָ און לובלין, זענען אויפגעשטעלט געוואָרן מצבות-מאָנומענטן לזכר דעם יידישן לובלין.

* אין תל-אביב, אויף דיזנגוף 158, איז טעטיק "דאָס לובלינער ווינקל" , וואָס איז פארזען מיט ביכער און בילדער פון לובלינער מחברים און מאָלערס. דער צימער דינט אלס אָנדענק און צוזאמענטרעפן.

* ס׳זענען געשאפן געוואָרן אייניקע ווידעאָ-פילמען וועגן דער יידישער לובלין: פון בינעם און קאראָלא ווייס אין ווארשע (א דאנק דער פוילישער טעלעוויזיע); פון מאָטל טרייסטמאן אין אויסטראַליע; פון דוד שטאָקפיש און משה זאלצמאן אין תל-אביב (פינאנסירט פון שיע און רבקה גאָלדבערג). מיר זוכן איצט פינאנסיעלע מיטלען פונאנדערצושיקן דעם פילם אין די מוזעאומס און אָנדענק-ערטער.

* אונדזער שטאָלץ איז די יערלעכע אויסגאבע "קול לובלין", וואָס דערשיינט רעגולער דאָס 33סטע יאָר. אין די לעצטע יאָרן - אין 4 שפּראכן: עברית, יידיש, פויליש, ענגליש.

* אלע יאָרן גייט אָן א לעבעדיקע קאָרעספּאָנדענץ צווישן לובלינער לאנדסמאנשאפטן און יחידים אין אויסלאנד.

מיר האָבן ארויסגעברענגט פאר די געסט אונדזער אנערקענונג און ליבע, וואָס אויך אין לובלין גופא ווידמעט מען א סך דער טעמע פאראייביקונג. אין די לעצטע יאָרן זענען דאָרט דערשינען אייניקע וויסנשאפטלעכע און אויטאָביאָגראַפישע ביכער, געווידמעט דעם לובלינער יידנטום. דאָס זענען אָביעקטיווע, היסטאָרישע און פּאָפּולערע אויסגאבן.

ס׳איז געווען אן אינטערעסאנטער, באלערנדיקער צוזאמענטרעף פאר ביידע צדדים - דער צד פון היינטיקן לובלין, און דער צד פון נעכטיקן. בעת די געסט האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אן אויפגייענדיקע, זיך בויענדיקע שטאָט, וואָס פלאנירט און פראָגרעסירט - האָבן מיר פארטרעטן די אונטערגעגאנגענע יידישע לובלין מיט זכרונות, ←

# פון אונדזער טעטיקייט אין לעצטן יאָר

**אירית גוטליב, סעקרעטארין פון דער לאַנדסמאַנשאפט**

דאָס לעצטע יאָר האָט דער לובלינער קאָמיטעט זיך אויסגעצייכנט מיט פיל טעטיקייט, ענערגיע, און פרייוויליק. לײדער, איז קיינער פון אונדז שוין נישט יונג, אין אויך דאָס געזונט איז נישט ווי אמבעסטן. אָבער מיר פערשטייען, אז די ארבעט איז זייער וויכטיק פאַר אלע לובלינער אין ישראל ווי אויך אין אויסלאנד. אָט איז די רשימה פון אלע אונטערנעמונגען וואס זענען פאָרגעקומען אין לעצטען יאָר:

דעם 30 נאָוועמבער 1997. איז פאָרגעקומען אין בית-לייוויק אין תל-אביב די יערלעכע אזכרה פון די לובלינער. א סך לאנדסלייט האָבן זיך באטײליקט. לײדער, ווערט יעדעס מאָל קלענער די צאָל מענטשן. די אטמאָספערע איז געווען זייער פייערלעך. מען האָט דערמאָנט די פארשטאָרבענע אין לעצטן יאָר. אין דער אזכרה האָט זיך באטייליקט א גאסט פון לובלין, די פרו דאנוטא קובייקו, פרעזעס פון דער פריינדשאפט-ליגע פוילן-ישראל. די פרוי קובייקו איז א פריינד פון ישראל, זי האָט שוין דאָ באזוכט עטלעכע מאָל. דאס מאל איז זי געווען א גאסט ביי די פאמיליעס: גוטליב, אובליגענהארץ, ליכטענבערג, אין קיבוץ עברון און ביי אנדערע באקאנטע.

די 6 ליכט האָבן אָנגעצינדן: אילנה און מרדכי מענדלסאָן, יצחק און אסתר מאָנטאל, צעשא פישער, זהבה ליכטנברג, אסתר און גדליהו פישמאן. ה׳ יוסף בערנהאָלץ האָט באגריסט אין נאָמען פון ראשון-לציון, די צווילינג-שטאָט פון לובלין. די יזכור-רעדע האָט געהאלט אברהם כהן, גענ. סעקרעטאר פון די מלחמה-אינוואלידן, אנטי-נאצי קעמפער און פארטיזאנער. ס׳האָט אויך באגריסט די פרוי קובייקאָ. צום אָנדענק פון די פארשטאָרבענע דאָס לעצטע יאָר האָט גערעדט אירית גוטליב. קדיש און אל מלא רחמים - דער חזן אריה בראון.

ענדע פעברואר האָט זיך דערוווּסט די סעקרעטארין פון קאמיטעט, אז עס דארף קומען קיין ישראל א בכבודיקע דעלעגאציע פון לובלין: דער פארטרעטער פון שטאָט-פרעזידענט, דער פרעזידענט פון שטאָטראט, אין דער וואָרטזאָגער פון שטאָט. די דעלעגאציע איז געווען פארבעטן פון ראשון-לציון, וועלכע איז די צווילינגשטאָט פון לובלין. זיי זענען געווען נאָר 7 טעג און ישראל. ס׳איז געווען שווער צו אָרגאניזירן דעם צוזאמענטרעף. נאָך גרויסע באמיאונגען,



אויף דער אזכרה אין נחלת יצחק, אפריל 1998
באזכרה בבית הקברות נחלת יצחק, אפריל 1998

→

נאָסטאלגיע, טרויער און באדויער.

ס׳האָט זיך געוואלט פרעגן די חשובע געסט, צי זייערע איצטיקע, אויפריכטיקע באמיאונגען, מיינט געוויסנסביסן, רעהאביליטאציע, אָדער ווילן צו רעקאָנסטרוקציע? צי מיטן אינסטאלירן אָנדענק-טאָוולען אויף די ערטער פון די אמאָליקע מהרש״ל-שיל, מהר״ם-שיל, זאמדער-שיל, אָדער אויף די געביידעס פון די געוועזענע ישיבת חכמי לובלין, יידישן שפיטאָל, פרץ-הויז, יתומים-הויז (אָכראָנע), אָדער אויפן הויז ווי ס׳האָט אמאָל געוווינט דער חוזה פון לובלין, איז די כוונה נאָר אָנדענק און פארייביקונג, צי טראכטן זיי אויך וועגן פערספעקטיוו און אויסזיכט?

מיר האָבן נישט געפרעגט. ווייל די געסט, בעת זייער באזוך אין לאנד, האָבן אוודאי געהאט א געלעגנהייט זיך איבערצוציינן, אז אויך דאָ, אין ישראל, איז מען אָנגעגאנגען מיט אויפבוי, וווקס און אנטוויקלונג, ביים באשיידענעם אנטייל פון לובלינער יידן.

אָן שום ספק, אז ביידע צדדים האָבן געהאט א סיבה צו זיין צופרידן פון דעם צוזאמענטרעף.

האבן מיר מצליח געווען אדורכצופירן דעם צוזאמענטרעף. מיר האָבן איינגעלאדן די דעלעגאציע אין האָטעל "סאן" אין בת-ים, ווייל און דעם זעלבן האָטעל האָבן געוווינט די געסט. מיט דער אָרגאַניזאציע פון דעם צוזאמענטרעף, האָט זיך באשעפטיט די סעקרעטארין. דער צוזאמענטרעף איז פאָרגעקומען אין אָוונט אין איז געווען געלונגען.

מיר האָבן באגריסט די לובלינער דעלעגאציע. מען האט סערווירט א פולן אָוונט-ברויט, גוט אין געשמאַק. די געסט זענען געווען צופרידן פון דעם צוזאמענטרעף. מען האט דערמאָנט פארשידענע זכרונות פון לובלין. עס האט באג-ריסט די געסט: דוד שטוקפיש, דער וויצע-פרעזעס מארק אורטמאן אין אלכסנדר שריפט. אין נאמען פון דער דעלעגאציע פון לובלין האט באגריסט דער פרעזעס פון שטאָטראַט, ווי אויך די אנדערע געסט. ס'האָט געהערשט א פרייע אטמאָספער. מיר האבן געזונגען פוילישע לידער, ביי דער באגלייטונג פון ירמיהו גוטליב אויף דער מאנדאָלינע. מיר האבן געגעבן א געשאנק יעדן פון דער דעלעגאציע. זיי האבן איינגעלאדן די לובלינער צו באזוכן אין לובלין. נאָך א קורצער צייט האבן מיר באקומען א בריף פון זיי, אין וועלכן זיי האבן באדאנקט פאר דער אויפנאמע.

עס האָט אויך דאָס יאָר באזוכט אין ישראל ראָבערט קובאלעק, ער איז געקומען זוכן מאטעריאַלן וועגן יידישן לובלין.

אזוי ווי מען גרייט איצט און לובלין א צענטער וועגן לובלינער יידנטום פון פאר דער קריג, און אויך פון פריער, אויף דער גראָדזקע גאס, גרייט מען אין דעם צענטער א מאָדעל פון דעם יידישן קווארטאל פון לובלין.

דער צענטער וועט באַדינען יוגנט אין סטודענטן פון דער גאנצער וועלט, צו לערנען וועגן יידישן לובלין. ראָבערט קובאלעק איז שוין א מאל געווען אין ישראל אלץ גאסט פון לובלינער קאָמיטעט. דאָסמאָל איז ער געווען א גאסט פון זהבה ליכטענבערג אין קיבוץ עברון און ביי אנדערע באקאנטע. אונזער קאָמיטעט האָט אָרגאניזירט א צוזאמענטרעף מיט ראָבערט קאוואלעק אין חדר לובלין.

אין יום השואה והגבורה איז פאָרגעקומען אן אזכרה אין נחלת יצחק, ביי דער לובלינער מצבה. א. שריפט האָט פאָרגעלייענט די הקדמה פון משה שולשטיינס "ביים פנקס פון לובלין" און דער חזן אָבערמאן האָט געזאָגט קדיש און אל מלא רחמים.

לכבוד דער יובל פון דער יידישע מדינה, האָט משה קורן אין זיין פרוי ליבא, איינגעלאדן די לובלינער אויף א פייערלעכן אוונט אין האָטעל "הילטון" אין תל-אביב. מיר האָבן אויך געפייערט דעם 80 געבורטסטאג פון דעם בעל-שמחה משה קורן. ס'האָבן זיך באטייליגט פיל לובלינער פון ישראל אין פון אויסלאנד.

אין נאָמען פון קאָמיטעט, האָט מען דערלאנגט א מתנה פאר משה קורן אין נאמען פון אלע לובלינער. באגריסט האָבן אלכסנדר שריפט און שטאָקפיש. משה קורן האָט געדאנקט פאר די ווונטשן. אויך זיין פרוי לובא האָט דערמאָנט זייערע צייטן אין רוסלאנד. א פאָר טעג נאָך דעם באל, האָט דער לובלינער קאָמיטעט אָרגאניזירט א צוזאמענטעף אין חדר לובלין. מיט די געסט פון אויסלאנד. דער הויפט-גאסט איז געווען שמחה בינעם ווייס, א לובלינער, וואס האט פיל אויפגעטאָן צו פאראייביקן די יידישע לובלין. ער האט דערציילט וועגן זיין אקטיוויטעט אין לובלין.

מיר האבן זיך געזעגנט פון די ליבע געסט: נאטעק אקערמאן פון שוועדן, אברהם קארפענשיף פון פראנקרייך, מאָטל טרייסטמאן פון אויסטראליע און ד"ר ווייס פון פוילן מיט דער האָפענונג, אז מיר וועלן זיך נאָך צוזאמענטרעפן אין דער צוקונפט.



די אזכרה אין נחלת יצחק אין טאָג פון אומקום און גבורה
האזכרה ביום השואה והגבורה בנחלת יצחק

**האזכרה ביום 25.11.98, בבית לייוויק**
**רח' דב הוז 30 (פינת גורדון)**
**תחבורה: כל הקווים העוברים ברחובות דיזנגוף ובן-יהודה**

# תרומות ל״קול לובלין״ ● באשטייערונגען פאר ״קול לובלין״

## אין אמעריקאנער דאָלארן

**מאָטל גארטענקראוט**, ניו-יורק - 500
**פאראייניקטע קינדער פון לובלין**
**אין פראנקרייך** - 400
**גדליהו און אסתר פישמאן**, הרצליה - 150
**צפורה שפייזמאן**, ניו-יאָרק - 100
**דזשודית רובין**, פאר. שטאטן - 100
**בינעם און קאראָלא וויס**, ווארשע - 100
**צינאמאָן**, ניו-יאָרק - 100
**ישראל טעמפעלדינער**, בוענאָס-איירעס - 50
**נאטעק און עווא אקערמאן**, שטאָקהאלם - 50
**לייבל זילבערג**, בוענאָס-איירעס - 30
**מאניע לייבמאן**, ניו-יאָרק - 20
**קאָפל מיזשריצקי**, בוענאָס-איירעס - 15
**שמואל קאָסמאן**, בוענאָס-איירעס - 15

## אין קאנאדער דאָלארן

**לובלינער לאנדסמאנשאפט, מאָנטרעאל,**
דורך י.קאפלאן - 200
**רוזשקע צווייקאפט**, מאָנטרעאל - 150
**נח בוים**, מאָנטרעאל - 25
**יאָסקע און בראָניע בוים**, טאָראָנטאָ - 25

## אין אויסטראלישע דאָלארן

**מאָטל טרייסטמאן**, מעלבורן - 100

## אין פראנצויזישע פראנקן

**״פאראייניקטע קינדער פון לובלין״**
אין פראנקרייך - 3,500
**טעשקע פאָרשטעטער**, פאריז - 500
**משה זאלצמאן**, פאריז - 200
**אברהם קארפענשיף**, ליאָן - 200
**דינהלע ראָטשטיין**, פאריז - 150
**ניסענבוים**, פאריז - 100
**א. טאובער**, פאריז - 100
**ה. בינשטאָק**, פאריז - 100

## אין שקלים

**קרן לווינשטיין** - 6,000
**מרדכי און אילנה מענדלסאָן**, תל-אביב - 3,600
**ברכה רובינשטיין**, תל-אביב - 300
**באלטשע שטיצער**, תל-אביב - 200
**יוסף אכטמן**, כרמיאל - 200
**אינזש. גאָשטשעווסקי**, כרמיאל - 200
**עווא ווינדערבאום**, תל אביב - 100
**ליבהאבער**, פתח-תקוה - 100
**יוסף פריינד**, תל-אביב - 100
**מייק ראָזענבוש**, פאריז - 100
**אנה האָכבערג**, פתח-תקוה - 100
**אובליגענהארץ**, פתח תקוה - 100
**ד״ר דיאנא בק**, רחובות - 100
**אדוארד הערץ**, חיפה - 100
**שמואל סעגאל**, רמת-גן - 50
**חנה וואקסמאן**, חולון - 50
**חוה האלבעסבערג** - 40

## קוויטירט פון בנק הדואר
## פאר די לעצטע 2 יאָר

**גרינשטיין**, חיפה - 250
**זילברשטיין מרדכי**, חיפה - 200
**לעווינסאָן אברהם**, ת״א - 200
**שינדעלמאן אברהם**, ק. אתא - 200
**שטייגעל גדליה**, משגב דב - 150
**הערץ אליהו**, חיפה - 100
**רוזענצווייג יצחק**, גבעתיים - 100
**הערשטיין צעסיה ואהרון**, ר״ג - 100
**זינגער נתן**, ירושלים - 100
**קריגער דוראַ**, ת״א - 100
**ז׳יטומירסקי יהודה**, ת״א - 100
**בינשטאָק אברהם ופנינה**, חולון - 100

**לערמאן יוסף**, ר״ג - 100
**אַלטער בעלא**, ת״א - 100
**צונער דבורה**, ק. חיים - 100
**אֶנגלישער מטלה**, פ.תקוה - 100
**חיים שביט**, רמת-גן - 100
**האַרביץ אריה**, חיפה - 60
**שיפמאַן אברהם**, ת״א - 50
**האַכהוזער שרה**, חיפה - 50
**ראַכמאַן סאַפיאַ**, חולון - 50
**טענע חיה**, קיבוץ מענית - 50
**באַהיר רעגינאַ**, ר״ג - 50
**פינקעלמאַן אַלתר**, ר״ג - 50
**שפיראָ חוה**, ת״א - 50
**אֶרמאַן אברהם**, חולון - 50
**שאַפירשטיין חנה וחיים**, לוחמי הגיטאות - 50
**פעלץ נחמיה**, חיפה - 50
**צירלין מרין**, קיבוץ אושה - 50
**בארענשטיין צפורה**, חיפה - 50
**ליבהאַבער בלומה**, פתח תקוה - 50
**אופּאַטאָווסקי משה**, ק.ביאליק - 50
**גרשטיין פסח**, רמת מנשה - 50
**שענקמאן יוסף**, פתח-תקוה - 50
**באַס חנה**, רמת-גן - 50
**צימרינג צבי**, מעוז אביב (ת״א) - 40
**גבירץ אורי ופולה**, חולון - 30
**וואַקסמאַן רבקה**, חולון - 30
**וועקסלער רבקה**, בני-ברק - 30
**באַך דיאנה**, רחובות - 30
**שטערן אהרון וחנה**, חולון - 30
**אֶפּעלבוים יצחק**, תל-אביב - 25
**אופשלאָך ישראל**, רחובות - 25
**בורשטין אברהם**, תל-אביב - 25
**ארז חיים**, חיפה - 25

**מיר אפעלירן צו אונדזערע לאנדסלייט אין דער וועלט צו באשטייערן זיך לטובת אונדזער געזעלשאפט און דעם ״קול לובלין״.**

**מיר דאנקען פאָרויס.**

## אין הייִנטיקן לובלין






אין דעם הויז, לובארטאָווסקע 10, געפינט זיך דאָס ״לובלינער ווינקל״ אין הייִנטיקן לובלין.
בבית זה, בלוברטובסקה 10, ״הפינה הלובלינאית״ בלובלין הנוכחית

# פייערונג לכבוד 80 יאָר משה קאָרן און יובל פון דער מדינה

דאָנערשטיק, דעם 30סטן אפריל 1998, (מוצאי יום העצמאות), איז אין "הילטאָן" האָטעל אין תל-אביב, פאָרגעקומען א פייערלעכער, יום-טובדיקער אָוונט לכבוד 50 יאָר יידישע מדינה און דעם 80סטן געבוירן-יאָר פון אונדזער בן-עיר משה קאָרן - דער גאסטגעבער, און זיין פרוי לובא, פאר דער משפחה און לובלינער יידן פון לאנד און אויסלאנד. ס'איז געווען היימיש, פריילעך, אנגענעם, און אלע האָבן גענאָסן פון דער מוזיק, געזאנג, אטמאָספער, מאכלים. ס'איז געווען ששון ושמחה. מ'האָט אויך מיט אויפמערקזאמקייט און שטילקייט אויסגעהערט די קורצע (אָבער זייער זאכלעכע) ארויסטרעטונגען פון די בעלי-שמחה און באגריסערס. מיר דערציילן וועגן דעם בקיצור.

געעפנט דעם פייערלעכן אָוונט האָט דער וויצע-פאָרזיצער פון לובלינער קאָמיטעט אין ישראל, ארכיטעקט **אלכסנדר שריפט**:

אין נאָמען פון די ליבע גאסטגעבער, לובא און משה קאָרן, האָב איך דעם כבוד צו עפענען די היינטיקע פייערונג, געווידמעט צוויי דאטעס: 50 יאָר מדינת ישראל, 80 יאָר פון געבוירן-טאָג פון אונדזער חבר און פריינד משה קאָרן.

ווען מיר טראכטן וועגן דער אנטשטייונג פון אונדזער מדינה, מוזן מיר דערמאָנען געוויסע מענטשן, וועלכע האָבן בייגעטראָגן צו אונדזער מלוכהשער זעלבשטענדיקייט. אלע איז שווער צו דערמאָנען, אָבער צוויי זענען די באזע פון אונדזער נאציאָנאַלער אויפלעבונג, ווייל זייער טעטיקייט און נביאישע ארויסזאָגן, האָבן זיך פארווירקלעכט: אין דער ערשטער ריי, דעם גרונטלייגער פון פאָליטישן ציוניזם, טעאָדאָר הערצל. אין 1897 האָט ער צונויפגערופן דעם ערשטן ציוניסטישן קאנגרעס אין באזעל און זיינע נביאישע ווערטער האָבן געקלינגען: "אין באזעל האָב איך געגרינדעט דעם יידישן שטאַט".

גענוי 50 יאָר שפּעטער, אין 1947, דעם 29סטן נאָוועמבער, האָט די פאראייניקטע פעלקער אָנגענומען דעם באשלוס וועגן דער אנטשטייונג פון א יידישע מדינה אין ארץ-ישראל.

די צווייטע פערזאָן אָן וועלכער מיר וואָלטן נישט פארשטאנען די געשעענישן פון יענער צייט, איז אָן שום ספק דוד בן-גוריון, וועלכער האָט א דאנק זיין ווייטזעעוודיקייט פארשטאנען און פאָרויסגעזען די אנטוויקלונג פון די געשעענישן אין נאָענטן מזרח און געווען איבערצייגט, אז מיר, יידן, דארפן אויסנוצן דעם גינסטיקן מאָמענט און אָננעמען דעם פאָרשלאג פון טיילן ארץ-ישראל אויף צוויי מדינות. זיין איבערצייגונג, אז דער שריט איז דער איינציק-ריכטיקער, האָט ער אויסגעדריקט אין פאָלגענדע ווערטער:



לובא און משה קאָרן

אין יאָר 1897 (תרנ"ז) איז זיך צונויפגעקומען דער ציוניסטישער קאָנגרעס אויפן רוף פון טעאָדאָר הערצל, דעם שעפער פון דער וויזיע פון דער יידישער מדינה, און פראָקלאַמירט דאָס רעכט פון יידישן פאָלק צו נאַציאָנאַלער דערוואַכונג אין זיין לאַנד.

די קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט געטראָפן דאָס יידישע פאָלק, ווען מיליאָנען יידן פון אייראָפּע זענען אומגעקומען, האָט אויפסניי באַוויזן די נויטווענדיקייט צו לייזן דאָס פראָבלעם פון יידישן פאָלק, וואָס האָט נישט קיין פאָטערלאַנד און קיין זעלבשטענדיקייט - דורך אויפשטעלן אויפסניי די יידישע מדינה אין ארץ-ישראל, וועלכע וועט עפענען פריי די טויערן פון פאָטערלאנד פאַר יעדן יידן און וועט שאַפן פאַר דעם יידישן פאָלק אַ מעמד פון אַ גלייכבאַרעכטיקטן מיטגליד אין דער פעלקער-משפּחה.

דעריבער זענען מיר זיך צונויפגעקומען, די מיטגלידער פון נאַציאָנאַלן ראַט, די פאָרשטייער פון יידישן ישוב און פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, אינעם טאָג ווען עס ענדיקט זיך דער בריטישער מאַנדאַט איבער א"י. און מיט דער קראַפט פון אונזער נאַטירלעכן און היסטאָרישן רעכט און אויפן יסוד פון באַשלוס פון דער פאַרזאַמלונג פון אונ"אָ - פראָקלאַמירן מיר די אַנטשטייאונג פון אַ יידישער מדינה אין ארץ-ישראל.

דאָס וואָרט באַקומט דער פאָרזיצער **דוד שטאָקפּיש**, וועלכער הייבט אָן זיין באַגריסונג אין עברית - און פאַרענדיקט אין יידיש:

קהל נכבד, המארחים לובה ומשה, חג שמח לכולם, א גוטן יום-טוב. יש לי הכבוד והעונג להגיד כמה מילים במפגש חגיגי זה, מוקדש ליובל של מדינת ישראל ולגבורות של בן-עירנו משה. הלוואי יכולתי להעביר אליכם את רוב הרגשנות, החוויות והתחושות הקשורות לתאריכים אלה.

לפני 50 שנה הכריז דוד בן-גוריון על הקמת מדינת ישראל. הדור של השואה זכה לתקומה והמדינה יכולה לרשום השגים אדירים בקליטת עליה, בהקמת תעשיה, חקלאות, מדע, תרבות וצבא - למרות המלחמות והטרור. לכן, יש לנו הערב סיבה למסיבה - לחגוג את ה-50 למדינה וה-80 למשה.

ברצוני להודות, בשם יוצאי עירנו, למארחים המכובדים, שאיפשרו לנו לחגוג ולשמוח - שבת אחים גם יחד.

יש לנו כאן ועכשיו - הרגשה ביתית, משפחתית, ולכן אני עובר ליידיש, כמו שדיברנו בלובלין.

א גוטן יום-טוב - האָב איך שוין געזאָגט. נאָר איך וויל איצט הארציק באַגריסן דעם בעל-היובל משה קורן און זיין לעבנס-באַגלייטערין לובא, במשך 56 יאָר, און זייערע גראַטענע זין און עפעס-וואָס דערציילן פון משה'ס און לובא'ס אויפטוען, ווייל אַלץ וואָרט דורך זיי אדורכגעפירט צוזאַמען, ווי ס'זאָגט דאָס פאָלקס-ווערטל "אז דער פויער מיט דער פויערטע שלאָפן אויף איין קישן, האָבן זיי איין מיינונג". איך ווייס ווי דאָס פאַרפאָלק האָט נישט ליב צו הערן לויב-געזאַנגען און שבחים וועגן זייערע אויפטוען. זיי האלטן גאָר שטאַרק פון מַתָּן בַּסֵתֶר. כ'וועל נאָר דערמאָנען יענע אויפטוען, וועלכע כ'האָב אליין געזען און בייגעוווינט:

* די פאָלקס-שול אין מושב כפר גדעון.
* דעם קינדער-גאָרטן פון וויצאָ אין בצרון, ת"א.
* מיטאָגן פאר עולים פון רוסלאנד אין בני-ברית, פארן סימבאָלישן אָפּצאָל פון 1 שקל א מיטאָג.
* די יערלעכע אקציע פאר בלינדע קינדער.
* די שטיצע פאר יידיש, אין פארשידענע פאָרמען.

דאָס אלץ האָב איך אליין געזען. נאָר נאָך צענדליקער אנדערע אויפטוען זייערע - פילאַנטראָפּישע, הומאַניטארע, יידישע, האָבן זיי אדורכגעפירט אָן רעקלאַמע, אָן זעלבסט-באַרימעריי, נישט צו באַשרייבן אין די גאַזעטן, נאָר בלויז מיטן פאַראייביקן דעם אָנדענק פון משה'ס און לובא'ס עלטערן.

מיט 2 חדשים צוריק איז מיר איינגעפאַלן צו דערמאָנען משה'ן, אז אַט-אָט ווערט ער אַן 80-קער און 50 יאָר מדינה "גייען אויך נישט צופוס", וואָלט געווען א יושר "עפעס" צו מאכן. אָט פון דעם "עפעס" איז אַרויסגעקומען דער היינטיקער, פרעכטיקער אָוונט אין "הילטאָן", וואָס איז א געלעגנהייט פאר לובלינער יידן א ביסל אויפצולעבן דעם זכרון (אויף וויפל ער דינט זיי נאָך), סענטימענטן און נאָסטאַלגיע.



אויף דער פייערונג אין "הילטאָן" לכבוד 50 יאָר מדינת ישראל און 80 יאָר משה קאָרן
בחגיגות ב"הילטון" לכבוד 50 שנה למדינת ישראל ו-80 שנה למשה קורן

צום פאַרענדיקן, וויל איך באַגריסן די געסט פון אויסלאַנד, וואָס זענען ספּעציאַל געקומען צום היינטיקן יום-טוב:

ד"ר שמחה בינס וויס פון וואַרשע,
נאַטעק אקערמאַן פון שטאָקהאָלם,
מאָטל און בלומא טרייסטמאַן פון מעלבורן.
אברהם קאַרפּענשיץ פון ליאָן.
ברוכים הבאים!

צום סוף וויל איך נאָך דערציילן וועגן א קוריאָזע געשעעניש מיט 30 יאָר צוריק: קיין דרום-אפריקע איז געקומען אויף א באַזוך, דער באַרימטער יידישער פּאָעט אברהם סוצקעווער, חתן פרס ישראל. אויף דעם קבלת-פנים, האָט אים באַגריסט א פרוי מיט די פאָלגנדיקע ווערטער: "זאָל לעבן דער דיכטער סוצקעווער, זאָל לעבן מדינת ישראל - ביז 120 יאָר..." וויל איך עטוואָס קאָריגירן יענעם זאָג פון דער פרוי: משה און לובא - לעבט אין געזונט אין נחת ביז הונדערט און צוואָנציק, און אונדזער מדינת ישראל וויינטשן מיר, אין שלום און גליק, דאָס אייביקע לעבן.

דאָס וואָרט באַקומט דער בעל-השמחה און גאַסטגעבער, **משה קאָרן**:

טייערע משפחה, חשובע לאנדסלייט, ליבע געסט, איך לעב איצט איבער אונדזער אלעמענס פרייד און שטאָלץ, וואָס מיר האָבן זוכה געווען צו פייערן 50 יאָר יידישע מדינה - א האלבער יאָרהונדערט מלוכהשע זעלבשטענדיקייט און נאַציאָנאַלן קיום. מיר אלע האָבן איצט די אויפריכטיקע סיבה זיך צו פרייען און זיין גליקלעך, וואָס נאָך 2 טויזנט יאָר איז מקויים געוואָרן דער טרוים פון דורות יידן און פון מיין פרומען, גאָטזעליקן פאָטער בינעמל קאָצקער, וואָס פלעגט יעדן פסח ביים סדר זאָגן "לשנה הבאה בירושלים" - אָדער, טויזנט מאָל להבדיל, דאָס אנטיסעמיטישע זידל-וואָרט, וואָס מיר האָבן אָפט געהערט אין לובלין - "zydzie do palestyny" מיר אלע געהערן דאָך צום



teatrnn.pl

דור, וואָס-האָט אדורכגעמאכט די צווייטע וועלט-מלחמה - ווער אין דער שואה, ווער אלס ביעזשעניעץ אין רוסלאנד. אין יענע גרויזאמע צייטן, איז דאָך אונדזער טרוים און האָפענונג געווען - איבערצולעבן און דערלעבן אן אייגן ווינקל, א יידיש לאנד. איך און לובא, ניצול געוואָרענע פון די סאָוועטישע לאגערן, האָבן דערלעבט דעם איצטיקן יום-טוב - אויפצונעמען און זיך משמח זיין אין תל-אביב, צוזאמען מיט דער משפחה און מיט היימישע לובלינער יידן. מיר מעגן שטאָלצירן מיט מדינת ישראל, וואָס טראָץ די פראָבלעמען פון אויפנעמען מיליאָנען עולים פון איבער אכציק לענדער, באגלייט מיט מלחמות, טעראָר און שוועריקייטן, איז מען פון א באפעלקערונג פון 600 טויזנט מיט 50 יאָר צוריק, דערגאַנגען צו קארגע 5 מיליאָן, מיט אויפשטעלן שטעט, יישובים, קיבוצים, פאבריקן, ווארשטאטן, א מוסטערהאפטע לאנדווירטשאפט, אן ארמיי, א הויך-אנטוויקלטע אינדוסטריע, לויט דער נייסטער טעכנאָלאָגיע. די לאָזונג צום יובל פון דער מדינה "צוזאמען מיט האָפענונג, צוזאמען מיט שטאָלץ" איז גילטיק סיי פאר די יידן אין ישראל, סיי פאר די יידן אין דער וועלט.

אזוי ווי איך בין אויך א שטיקל מחותן צו דעם איצטיקן יום-טוב, איך מיין מיינע 80 יאָר, וויל איך מיט לובא אויסדריקן אונדזער שמחה און גדולה פאר אלע געסט, וועלכע מיר קאָנען היינט אויפנעמען און זיך פרייען: מיט די געוועזענע איינוווינער פון דער אמאָליקער לובארטאָווסקע און שעראָצע, פון אונטערן שלאָס, פון וואָליע, זאמד און טשעכיוו, שוין אָפגערעדט פון דער משפחה און פריינט.

מיר באגריסן אייך אלע הארציק און דאנקען דעם לובלינער קאמיטעט אין ישראל פאר העלפן אָרגאניזאציאָנעל, אדורכפירן דעם איצטיקן צוזאמענטרעף לכבוד 50 יאָר מדינה און אויך א בכבודיקע געלעגנהייט צו פייערן מיינע 80 יאָר. וועלן מיר טרינקען א "לחיים" פארן וווילזיין פון דער מדינה, פאר שלום און פאר אונדזער אלעמענס געזונט.

ווען איך מאך א קורצן איבערבליק פון מיינע 80 יאָר, דערמאָנט עס מיך, אז איך, משה פון לובלין, וואָס האָט זיין יוגנט פארבראכט אין אָרעמקייט, נאָר מיט א סך טרוימען וועגן א באשיידן, נאָרמאל לעבן. איך האָב חתונה געהאט אין דזשאמבול, קאזאכסטאן, מיט 56 יאָר צוריק, אין א נעבעכדיק שטיבל, דער באָדן פון ליים. אויף דער חתונה זענען געווען א צען פערזאָן. פאר א חופה האָט געדינט א יילעך, געהאלטן פון 4 פערזאָן. מיין שוויגער האָט לכבוד דער שמחה אָפגעבאקן א לעקעך, געקויפט א קילאָ וווּרשט, פארגרייט סענדוויטשן און אויך געזאָרגט פאר א האלבן ליטער בראָנפן... דאָס איז געווען דער אָנהייב פון צוזאמענלעבן מיט מיין ליבער פרוי ליובא.

היינט, ווען כ'בין דערגאנגען צו אזא הויכן עלטער און באזיץ א שיינע פאמיליע, איז עס אויך א דאנק מיין ליבע פרוי, וועלכע האָט געשפאנט מיט מיר דעם גאנצן וועג, סיי אין גוטע ווי אין שלעכטע צייטן. זי האָט מיר געשענקט דריי זין, וואָס פארשאפן אונדז פיל נחת און כבוד, אויך אין וועלט-מאסשטאב. אז איך כאפ איצט א בליק אויף צוריק, מעג איך זיין גליקלעך און צופרידן. ס'האָט זיך געלוינט צו לעבן און דערגיין צו דעם עלטער און פייערן אין "הילטאָן" תל-אביב, צוזאמען מיט דער פאמיליע, לאנדסלייט און פריינט. איך ווינטש אייך נאָך לאנגע יאָרן צו פייערן און זיך משמח זיין. א דאנק וואָס איר זייט געקומען און לאָמיר טרינקען לחיים.

אירית גאָטליב, די סעקרעטארין פון דער לאנדסמאנשאפט, צו-זאמען מיט צעשא פישער-טראכטענבערג. די פארוואלטונג-מיטגלידערין, האָבן דעם יובילאר איבערגעגעבן א מתנה, מיט א געהעריקן אויפשריפט, אין נאָמען פון אלע לובלינער.

דערנאָך האָט גענומען א וואָרט **לובא קאָרן** און דערציילט אינטערעסאנטע זכרונות פון דער אלטער היים און משפחה.

ס'איז געווען א פריילעכער, הארציקער, אינטימער אָוונט, וואָס האָט אלע אנוועזנדע פארשאפט גרויס הנאה און פארגעניגן.

**מיר באגריסן הארציק אונדזער בן-עיר**
**און איבערגעגעבנעם פריינד**

# משה קאָרן

צו זיין 80 יאָר - ביז 120.
זאָלסט צוזאמען מיט דיין טייערער פרוי לובא, זין,
אייניקלעך און אוראייניקלעך זיך אויסלעבן אין
געזונט און נחת.

**דער לובלינער קאָמיטעט אין ישראל**

**די געזעלשאפט**
**"פאראייניקטע קינדער פון לובלין און אומגעגנט"**
באגריסט אונדזער ליבן לאנדסמאן

# משה קאָרן

צו זיין 80סטן געבוירן-יאָר.
ער איז אלע יאָרן געווען א מוסטערהאפטער,
אקטיווער, איבערגעגעבענער פריינט פון מדינת
ישראל און פון זיינע לובלינער לאנדסלייט, נישט
נאָר מיט ווערטער, נאָר מיט דירעקטער
פינאנסיעלער הילף.
מיר ווינטשן אים נאָך לאנגע יאָרן מיט א גוט
געזונט, א סך פרייד און נחת פון זיין משפחה - עד
מאה ועשרים.

**פארן קאָמיטעט -**
**פאָרזיצער: טעשקע פאָרשטעטער**
**פעקרעטאר: משה זאלצמאן**

# חיים שביט הגיע לגבורות



**חיים שביט**

בחוג המשפחה וידידים התקיימה במלון "הילטון" בתל-אביב מסיבה ליום הולדת ה-80 לבן-עירנו חיים שביט. על בעל השמחה הקריא חתנו זקי נגרי שיר, שהתקבל בשמחה, הוקרה ומחיאות כפיים של כל הנוכחים. גם הוועד של אירגון יוצאי לובלין בישראל, מצטרף למברכים של בעל היובל ומאחלים לו בריאות, אושר ונחת.

## יום הולדת שמח

בתורה נאמר: בגבורות 80 שנה,
בנביאים כתוב עד מאה ועשרים שנה,
אנו אומרים - יש לנו סבא, וזו ממש המתנה.
סבא ואבא -
בשעה טובה זכית לארבעה נינים,
במשפחתך יש גם שישה נכדים,
משתי בנותיך ושני החתנים החמודים,
ולא נשכח גם שתי כלות ושני חתנים צעירים.
וכל זה התחיל עוד לפני הרבה הרבה שנים,
בשכונת מונטיפיורי, על גדות הוואדי הגועשים.
חתיך שחרחר מבית פלח מציץ ומגיח
ואת חנה משכנע להתחתן - והוא מצליח.
מספר גם לי כל מיני אגדות,
שכדאי לי לקחת את יוצי - מלאת ההפתעות.
ובכן נישאנו - הראשונים באולמי גיל המפוארים.
ואנו בבית ז'בוטינסקי אשר ברח' ביאליק שוכנים.

ואתם משפחת שביט - שרה וחיים שולטים ממעל,
עוזרים ותומכים בנו על כל צעד ושעל.
יועצים לגבי כיווני רוח בבחירת הדירה,
בודקים סוסיתא, ועל הווספה כועסים נורא.
וכך - צעד צעד התבגרנו אתכם ביחד,
עברנו אירועים משמחים ובילינו באושר ובנחת.
למדנו מכם מה זה צער גידול ילדים,
ולעומת זה נהנינו בסופי שבוע בבתי מלון נהדרים.
למדנו להכיר מטעמים ומאכלים פולניים,
געפילטע פיש, צ'יבלה, צ'ולנט ועוגת תפוזים.

ידענו תמיד להסתכל ישר וקדימה
כי בטחנו בכם וידענו שאנו אצלכם עמוק בלב פנימה.
ומה צריך בסך הכל בן אדם בחיים -
בייחוד אם יש לו לצידו סבא כמו סבא חיים;
טיפה אחת של אושר, בריאות וחדר כושר,
ולאחל לכולנו, ובייחוד לך סבא חביב,
שתמשיך לבלות, לטייל ולרוץ לחוף תל-אביב.
תמשיך לקטר, לעשות "קְרֶחְצֶן" כאן בישראל,
ובקנדה, ניו-יורק תבלה, תרקוד ותשתולל.

תהיה לנו בריא וחזק עד מאה ועשרים
אנחנו כולנו לצידך - אז תרבה בחיוכים.

אוהבים תמיד
**כל משפחת פלח**
**כל משפחת נגרי**
**וכל הצעירים היורשים.**



אויף דער שמחה לכבוד די 80 יאָר פון חיים שביט. פון לינקס: יהודית און זכי, דער בעל-שמחה, לובה און משה קאָרן, דוד און רבקה שטאָקפיש

במסיבה לכבוד הגבורות של חיים שביט. משמאל: יהודית ואברהם זכי, בעל השמחה, לובה ומשה קורן, דוד ורבקה שטוקפיש

# צום 90-יאָריקן געבורטסטאָג פון
# טעשקע קאָרמאַן-פאָרשטעטער

עס איז איבעריק פאָרשטעלן אונזער פריינדין טעשקע פאַר דעם יידיש רעדנדיקן סעקטאָר אין פאַריז. שרייבן איר ביאָגראַפיע איז בכלל נישט אין אונזער מעגלעכקייט; מיט דעם דאַרף זיך אפשר פאַרנעמען אַ היסטאָריקער. מיר ווייסן, אַז טעשקע איז געקומען קיין פאַריז אין די דרייסיקער יאָרן, נישט קענענדיק פאַרטראָגן דעם וואַקסנדיקן אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם פון די דעמאָלטיקע פוילישע רעגירונגען: זי איז אַנטלאָפן פון לובלין און געקומען קיין פאַריז ווו זי האָט געפונען יושר און גערעכטיקייט.

אָנקומענדיק קיין פראַנקרייך, נעמט זי גלייך אָן אַקטיוון אָנטייל אין די פּראָגרעסיווע רייען פון די יידישע געזעלשאַפטן. ליידער, דערנענטערט זיך גאָר גיך דאָס יאָר 1939: דער דייטשער נאַציאָנאַל-פאַשיזם און די צווייטע וועלט-מלחמה. די נאַצי אָקופּירן מזרח און מיטל-אייראָפּע ביז ס׳קומט די ריי אויף פראַנקרייך. אַזוי ווי דאָס לאַנד ווערט אָקופּירט און די נאַציס שטיצן די ווישי-רעגירונג מיט די אַנטי-יידישע געזעצן, נעמט טעשקע אַ גאָר אַקטיוון אָנטייל ביים ראַטעווען יידישע קינדער. מיט דער הילף פון פראַנצויזישע נישט-יידישע פרויען, זוכט זי אויף דער פּראָווינץ פאַמיליעס וואָס ווייזן אַרויס זייער גרייטקייט אַריינצונעמען צו זיך קינדער פון יידישע עלטערן וואָס זענען געוואָר׳ן דעפּאָרטירט, אָבער זענען באַדראָט און האָבן נישט מער קיין היימען. דאָס איז אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט, אַדאַנק וועלכער ס׳ווערן געראַטעוועט אַ סך יידישע קינדער. נאָך טעשקע איז גאָר ווייט פון זיך באַפרידיקן מיט דער הומאַניטאַרער אַרבעט; זי וויל זיך באַטייליקן אין דעם אַקטיוון קאַמף קעגן דעם נאַצישן שונא. זי שליסט זיך אָן אין דער אומלעגאַלער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע צו קעמפן און סאַבאָטירן די נאַצישע אָקופּאַנטן; ביז אין אַ געוויסן טאָג טרעפט ליידער אַן אומגליק: טעשקע ווערט געכאַפּט דורך דער פראַנצויזישער פּאָליציי ביים אויספירן אַן אויפגאַבע געשיקט פון דעם אונטערגרונט. די ווישי-פּאָליציי איז שטאַרק צופרידן פון האָבן געכאַפּט אַזאַ פּיצל ווייבל; זיי זענען זיכער, אַז ס׳וועט זיי געלונגען מיט איר הילף אַנטדעקן דאָס גאַנצע קעמערל, אָבער גיך איבערצייגן זיי זיך, אַז זיי האָבן געמאַכט אַ גרויסן טעות. זיי האָבן פאַר זיך געהאַט טאָקע אַ קליין ווייבל - אין פיזישן זין - אָבער אַ גאָר שטאַרקע פרוי אין מאָראַלישן כאַראַקטער. זי האַלט



טעשקע פאָרשטעטער

אויס די שרעקלעכסטע פייניקונגען פון די בעסטיאַלישע געסטאַפּאָווצעס, אָבער עס קומט ביי איר נישט די פראַגע וועגן אויסגעבן אַ חבר אָדער אַ מיטקעמפער. זי האַלט אויס די שרעקלעכסטע פייניקונגען צו וועלכע ס׳זענען נאָר פעיק אויספירן די שרעקלעכע היטלערישע באַרבאַרן, אָבער קיין איבעריק וואָרט גייט נישט אַרויס פון איר מויל. דאַן ווערט זי דעפּאָרטירט אין די נאַצישע קאָנצענטראַציע-לאַגערן ווו זי בלייבט ביז צו דער ענדע פון דער מלחמה. נאָך דער באַפרייאונג קומט זי צוריק קיין פאַריז און שטעלט זיך צום דינסט פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, אויך בראש פון די לובלינער. אָבער ווי מיר האָבן פריער געזאָגט, קאָנען מיר זיך נישט דערלויבן צו געבן אַן אָפּשאַצונג וועגן איר רייכע און ברייטע געזעלשאַפטלעכע, קולטורעלע, סאָציאַלע טעטיקייטן. דאָך דאַרף כאָטש דערמאָנט ווערן, אַז חוץ די אַלע דערמאָנטע מעלות, האָט זי נאָך איינע אַ גאָר

ספּעציעלע, וואָס איז געווען זעלטן ביי כּלל טוער: ביי די זאַמלונגען פאַר סאָציאַלע אָדער געזעלשאַפטלעכע צוועקן, איז זי פון די ערשטע זיך צו באַשטייערן.

מיר קאָנען נישט ענדיקן די פּאָר ווערטער וועגן אונזער טעשקע, אָן דערמאָנען אירע אומאָפּשאַצבאַרע פאַרדינסטן פאַר דער געזעלשאַפטלעכער, קולטורעלער טעטיקייט פאַר דעם פאַרבאַנד, גאָר ספּעציעל די לעצטע צייטן ווען זי האָט אָפט געזונט-פּראָבלעמען. ווייל זי קאָן נישט פאַרלאָזן די וווינונג, פירט זי אויס איר אַרבעט אין דער שטוב; טעלעפאָניש האַלט זי אָן דעם קאָנטאַקט מיט די געזעלשאַפטלעכע טוער פון פאַריז. אירע גרויסע פאַרדינסטן פאַר די צוויי וואָכנדיקע קלובן וואָס דער פאַרבאַנד אָרגאַניזירט יעדער 15 טעג. ליידער, האָט טעשקע די לעצטע טעג דורכגעמאַכט אַ שווערע אָפּעראַציע און היינט אין דעם טאָג וואָס זי פייערט איר געבורטסטאָג, געפינט זי זיך אין שפּיטאָל.

בלייבט אונז נאָר איר ווינטשן אַ רפואה שלימה! זי זאָל וואָס גיכער זיך צוריקקערן צו איר געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער טעטיקייט - עד מאה ועשרים!

**אברהם זאַלץ**

---

**פאַרבאַנד פון די ייִדישע געזעלשאַפטן**
**אין פראַנקרייך**

מיר באַגריסן האַרציק אונזער טייערע

## טעשקע פאָרשטעטער-קאָרמאַן

**צו דערגרייכן איר 90סטן געבוירנטאָג**

דיין אַקטיווע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט זיינט צענדליקער יאָרן; דיין אָנטייל אין העלדישן ווידערשטאַנד קעגן נאַצישן באַרבאַריזם - זענען געקרוינט געוואָרן מיט אַ הויכער אויסצייכענונג פון LEGION D'HONNEUR.

דיין איניציאַטיוו פון עטאַבלירן אַ ליטעראַרישן פרייז אויפן נאָמען פון פאַרשטאָרבענעם לעבנסבאַגלייטער יידל קאָרמאַן, איז אַן אָנערקענטע ייִדישע קולטור-געשעעניש אין פאַריז און דויערט זיינט 12 יאָר.

עס איז פאַר אונז אַ גרויסער כּבוד צו זיין צוזאַמען מיט דיר אין די אָנפירנדיקע אינסטאַנצן פון פאַרבאַנד און האָפן, אַז דאָס וועט נאָך דויערן לאַנגע יאָרן.

**מיר ווינטשן דיר פול געזונט, נחת און פרייד פון דיינע - מיט ליבשאַפט אַרומגערינגלטע משפּחה-מיטגלידער.**

דער קאָמיטעט

---

**די "ייִדישע העפטן"**

באַגריסן האַרציק די חשובע פריינדין פון אונזער אויסגאַבע

## טעשקע פאָרשטעטער-קאָרמאַן

**צו איר 90-טן געבוירנטאָג**

און ווינטשן איר נאָך לאַנגע געזונטע יאָרן פון געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער טעטיקייט פאַרן וווּיל פון ייִדישן פאַריזער ישוב.

---

די געזעלשאַפט פאַראייניקטע קינדער
פון לובלין און אומגעגנט

באַגריסט די פאַרזיצערין פון דער געזעלשאַפט

## טעשקע פאָרשטעטער-קאָרמאַן

געוועזענע ווידערשטאַנדלערין אין פראַנקרייך,
לעבנגעבליבענע נאָך דעפּאָרטאַציע,
אויסגעצייכנטע מיטן LEGION D'HONNEUR

**צו איר 90-טן געבוירנטאָג**

ווינטשן מיר איר נאָך לאַנגע געזונטע יאָרן אָנפירן מיט דערפאָלג די לובלינער געזעלשאַפט.

# משה זאַלצמאַן – 90 יאָר
## באַקומען דעם יידל קאָרמאַן פּרייז פאַרן יאָר 1997



דעם 17טן פעברואר ה.י. איז אין לאָקאַל פונעם פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך, פאָרגעקומען די 12טע צוטיילונג פונעם ליטעראַטור-פּרייז א.נ. פון יידל קאָרמאַן, עטאַבלירט דורך זיין פרוי טעשקע פאָרשטעטער-קאָרמאַן, פאַר דעם סעקרעטאַר פון דער סאָסייטי ״פאַראייניקטע קינדער פון לובלין״, דעם קולטור-געזעלשאַפטלעכן טוער און מחבר פון א ריי ספרים - משה זאַלצמאַן, וועלכער איז איצט דערגאַנגען צו די 90 יאָר. צוזאַמען מיט דעם לאָרעאַט משה זאַלצמאַן, איז אויך פרעמירט געוואָרן דער מאָלער מאַרעק רודניצקי.

צו דער פייערונג איז געקומען א גרויסע צאָל מענטשן. וועגן משה זאַלצמאַן האָט גערעדט (אין פראַנצויזיש) ה. מינטשעלעס, שרייבער און זשורנאַליסט, פאָרזיצער פון אַרבעטער-רינג אין פּאַריז. דער רעדנער האָט כאַראַקטעריזירט דאָס בוך פון זאַלצמאַנען ״מענטשן און געשעענישן״, וואָס אין דערשינען אין פראַנצויזישער איבערזעצונג צום מחברס 85 יאָר, זיך אָפּגעשטעלט, דער עיקר, אויף זיין ערשט בוך ״דער גולאַג״, אויפן ביכל וועגן בעלא שאַפּיראָ, די בונדישע טוערין פון לובלין; וועגן דעם שרייבער און קולטור-היסטאָריקער קלמן מרמר און דעם אַלטן רעוואָלוציאָנער שאַרל ראַפּאַפּאָרט.

דעם פּאָרזיץ האָט געפירט סטעפא סקורניק. אין אַרטיסטישן טייל איז אַרויסגעטרעטן דער לירישער זינגער איזאַק מענטליק.

## דאַנק-וואָרט פון משה זאַלצמאַן

מיין האַרציקער דאַנק דער זשורי פאַרן צוטיילן מיר די יידל קאָרמאַן פּרעמיע. ס׳איז פאַר מיר א כבוד זיך צו געפינען צווישן דער פּלעיאַדע קולטור-שאַפער, פען-מענטשן און מאָלער, לאָרעאַטן פונעם קאָרמאַן-פּרייז, עטאַבלירט פון טעשקע פאָרשטעטער, וואָס ווערט שוין פאַרטיילט דאָס 12טע יאָר. ביז מיין אָפּפאָרן קיין ראַטנפאַרבאַנד אין יאָר 1933 (פרייוויליק!) איז מיר יידל קאָרמאַן געווען באַקאַנט פונעם פאַרטיי-אַקטיוו, ווי ״יידל פון 19טן״ (אַראַנדיסמאַן) - און איצט באַקום איך דעם פּרייז, געהייליקט אויף זיין נאָמען. איך שטרייך אונטער מיט סאַטיספאַקציע די לאַנגיאָריקע פריינדשאַפט און צוזאַמענאַרבעט מיט טעשקע קאָרמאַן, מיט וועלכער מיר פירן צוזאַמען די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט שוין העכער 28 יאָר. זי האָט מיט געהאָלפן פאַרשפּרייטן אַלע מיינע אַרויסגעגעבענע ביכער. א דאַנק מיין שרייבערישער און זשורנאַליסטישער טעטיקייט, האָב איך דערוואָרבן די פריינטשאַפט פון דעם פען=מענטש און געזעלשאַפטלעכן טוער אַנרי בולאַווקאָ, וואָס האָט געזאָלט דאָ אַרויסטרעטן, נאָר די קראַנקהייט האָט אים נישט דערמעגלעכט.

מיין ערשט בוך האָב איך געווידמעט די טויזנטער פּאָליטישע עמיגראַנטן. 18 חברים האָט די פוילישע קאָמוניסטישע פאַרטיי אָפיציעל געשיקט קיין ראַטנפאַרבאַנד, אין אָנהייב פון די 30קער יאָרן. בלויז איך איינער פון זיי, דער פיזיש שוואַכסטער, בין געבליבן לעבן. אַלע האָט מען אַרעסטירט אין דעם בלוטיקן יאָר 1937. אין די 60קער יאָרן, ווען כ׳בין ווידער געקומען קיין פּאַריז, האָבן די געוו. חברים בשום אופן נישט געוואָלט גלויבן, ווי אַזוי עס זעט אויס דאָס לעבן אין רוסלאַנד. ״דער ראַטנפאַרבאַנד שטייט איבער יעטוועדער קריטיק, ער טראָגט די פענער פון שלום און סאָציאַליזם״ - האָבן געטענהט די פאַנאַטישע אָנהענגער פון קאָמוניזם.

"בעריא איז שולדיק אין דעם פערזאָנען-קולט. דעם 12טן אויגוסט האָבן די שונאים אויסגעטראכט" - האָבן זיי צוגעגעבן. גלויבנדיק נאָך אלץ אין דעם "פאראייליקטן" ראטנפאבאנד. זיי האָבן געקענט בעסער דעם דאָרטיקן רעזשים פון מיר, וואָס האָט דאָרט געלעבט 25 יאָר.

איך בין פארבליבן אן אָנהענגער פון סאָציאַלן יושר, הומאניזם און די רעכט פון יעדן פאָלק צו לעבן פריי, זעלבשטענדיק. אויך אין מדינת ישראל. אין דעם גייסט האָב איך געשריבן אלע מיינע ליטעראַרישע ארבעטן. און אויב צוליב זיי און דער געזעלשאפטלעכער טעטיקייט, באקום איך דעם יידל קאַרמאַן פרייז, איז עס א סאטיספאקציע אויפן שוועל פון מיין 90טן לעבנס-יאָר. א דאנק!

**די געזעלשאפט**

**"פאראייניקטע קינדער פון לובלין און אומגעגנט"**

**באגריסט אונדזער לאנגיאריקן סעקרעטאר און געזעלשאפטלעכן טוער**

## משה זאלצמאַן

צום באקומען דעם זשורנאליסטן-פרייז א.נ. פון יידל קאַרמאַן, געוו. ווידערשטענדלער און דעפּאָרטירטער.

מיר ווינטשן אונדזער סעקרעטאר א גוט געזונט און נאָך לאנגע יאָרן פון אקטיווער טעטיקייט, הן מיט דער פעדער, הן ביי דער לאנדסמאנשאפט.

**דער קאָמיטעט**

**די לובלינער לאנדסמאנשאפט**

**אין ישראל באגריסט הארציק די צוויי**

**יובילארן אין פאריז צו זייערע 90 יאָר**

## טעשקע קאַרמאַן-
## פּאָרשטעטער
## און משה זאלצמאַן

מיר ווינטשן אייך אריכות ימים,

געזונט און טעטיקייט לטובת די לובלינער


המועצה העולמית לתרבות יידיש — וועלטראט פאר יידישער קולטור

**וזאת לתעודה והוקרה**

די ערן-שריפט

ווערט צוגעטיילט צו

**ד ו ד   ש ט אָ ק פּ י ש**

ווי אן אויסדרוק פון טיפער אנערקענונג פאר זיין לעבנסלאנגער איבערגעגעבנקייט צו לשון יידיש און יידישער קולטור, דער מוסטערהאפטער רעדאקטאָר פון "ישראל שטימע" און גלענצנדער פובליציסט און שרייבער במשך פון איבער א האלבן יארהונדערט

איבערגעגעבן ביי דער וועלט-קאנפערענץ פאר יידישער קולטור

**לכבוד 50 יאר מדינת ישראל**

אשקלון — י"ד סיון תשנ"ח — 8 - טן יוני 1998

פראפ' גרשון וויינער, פארזיצער — מאטל זעלמאנאוויטש, קא-פארזיצער — אברהם קארפינאוויטש, קא-פארזיצער

ערן - שריפט פאר דוד שטאָקפּיש פון וועלטראט פאר יידישער קולטור לכבוד 50 יאָר מדינת ישראל און טיפער אנערקענונג פאר זיין לעבנסלענגלעכער איבערגעגעבנקייט צו לשון יידיש און יידישער קולטור. איבער געגעבן ביי דער וועלט - קאָנפערענץ פאר ייד. קולטור.

תעודת כבוד לדוד שטוקפיש מטעם המועצה העולמית התרבות יידיש לכבוד 50 שנה למדינת ישראל והוקרה עמוקה עבור מסירותו רבת השנים לשפת יידיש ותרבות יידיש. נמסר בזמן המועצה העולמית לתרבות יידיש.



אויף דער יערלעכער פארטיילונג פון לערנביכער פאר יידיש פונעם פאָנד צו דערמוטיקן יידיש אין ישראל א.נ. פון דוד און רבקה שטאָקפּיש. אויפן בילד פון רעכטס: די לייטערין פון דער שטאָטישער גימנאזיע תיכון עירוני א', רבקה שטאָקפּיש, די פרעמירטע שילערין

בחלוקה השנתית של ספרי לימוד יידיש מקרן לעידוד יידיש ע"ש שטוקפיש. בתמונה, מימין: מנהלת בי"ס תיכון עירוני א', רבקה שטוקפיש, התלמידה המצטיינת

# מען שרייבט אונדז ● כותבים לנו

לכבוד
ארגון יוצאי לובלין
א.ג.נ.

הנדון: **מחנה השמדה בלז'ץ**
לפני זמן מה נמסר לי ע"י קבוצת יוצאי פולין שביקרו באתר השמדה בלז'ץ, על הזנחה הקיימת באתר.
במחנה בלז'ץ הושמדו כ-400,000 יהודים. ביניהם בני עירכם יקיריכם.
פניתי בפולין ל"מועצה להנצחת הלחימה והמרטירולוגיה" (ROPWIM) האחראית לטיפול ואחזקה נאותה של האתרים המקודשים של המרטירולוגיה היהודית. בסוף נובמבר 1997 קיבלתי תשובה מ"המועצה", העתק אני מצרף לידיעתכם.
בעקבות מכתב זה יש להניח שאתר המחנה בלז'ץ יטופל כראוי.
בתשובתי ל"מועצה" בקשתי לעדכן אותנו באופן רצוף וסדיר על התקדמות עבודות השיפוץ ואחזקת האתר המקודש.
כמו כן העברתי פנייתי בדבר צירוף לוועדה המטפלת בנושא נציג התאחדות יוצאי פולין בישראל.

בכבוד

אינג' בנימין מאירצ'ק, מזכ"ל.

קולטור-געזעלשאפטלעכער פאַרבאַנד
פון יידן אין פוילן
<u>אָפּטיילונג אין לובלין, לובאַרטאָווסקע 10</u>

לובלין, 31.12.1997

צום הויפּט-רעדאַקטאָר פון "קול לובלין"
דיזנגוף 158, תל-אביב.

תשובער הער רעדאַקטאָר,
מיט פאַרדרוס האָבן מיר איבערגעלייענט אין אייער צייטשריפט דעם בריוו פון כלומערשטע מיטגלידער פון קולטור-געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד אין לובלין, איבערגעדרוקט פון "יידישן וואָרט". מיר האָבן געמיינט, אז דער ענין איז געוואָרן ענטגילטיק אויפגעקלערט און פאַרענדיקט און אונדזער שטאַנדפּונקט וועגן דעם "בריוו" איז געוואָרן פאָרגעשטעלט דער רעדאַקציע פון "יידישן וואָרט" נאָך אין יולי 1997. אונדזער בריוו איז געוואָרן אָפּגעדרוקט אין "וואָרט" דעם 5.9.97 (נומ' 18). אין דעם זעלבן נומער איז פאָרגעשטעלט געוואָרן דער שטאַנדפּונקט פון מלוכהשן מוזעאום פון מיידאַנעק, ווי אויך די טעטיקייטן פון דער זייער וויכטיקער און בכבודיקער אינסטיטוציע, וועלכע האָט פאַר אַ ציל אויפצוהאַלטן די פאַר אונדזערע הערצער אָנדענק-ערטער. דעם בריוו האָבן אונטערגעשריבן אַלע אָרגאַניזאַציעס און געזעלשאַפטן, ביי וועלכע מיידאַנעק איז פאַרבונדן מיטן גהינום און מאַרטירער-טויט פון די היטלעריסטן. נאָך די איבערלעבונגען פון האָלאָקאָסט, האָט אויך נישט געקאָנט פעלן אונדזער אונטערשריפט.

ביז איצט ווייסן מיר נישט, ווער ס'האָט אָנגעשריבן דעם פּאַסקודנע בריוו. זיכער איז דאָס נישט געווען קיין שום מיטגליד פונעם קולטור-געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד אין לובלין, אויך נישט קיין שום אַנדערער ייד. מיר שטרייכן אונטער, אז די רעדאַקציע פון "דאָס יידישע וואָרט" האָט איבערגעבעטן דעם פאַרבאַנד צוליב דער געשאַפענער סיטואַציע.

מיר לייגן ביי אַ קאָפּיע פון אונדזער בריוו צו דער רעדאַקציע פון "וואָרט". מיר בעטן זייער דעם חשובן רעדאַקטאָר צו פאַרעפנטלעכן אונדזער אויפקלערונג אויף די שפּאַלטן פון "קול לובלין", באַזאַמען מיט איבערזעצונגען אויף העברעאיש און יידיש.
מיר ווינטשן דעם רעדאַקטאָר ווי אַלע לובלינער, אַ סך יאָרן אין געזונט און שלום.
שלום!

פאַר דער אָפּטיילונג פון
קולטור-געזעלטאַפטלעכן פאַרבאַנד אין לובלין -
ד"ר לובאַ מאַטראַשעק

**באמערקונג פון רעדאַקציע:** אויך מיר בעטן אנטשולדיקונג פאר אובערדרוקן פון דער ווארשעווער צוויי-וואָכנשריפט "דאָס יידישע וואָרט" דעם בריוו "מיר רעכענען אויף אייער הילף" וועגן יאַרמאַרק האנדל אויפן באָדן פון מאָזאַלעום אין מיידאנעק און דאנקען ד"ר לובא מאטראשעק פאר דער צוגעשיקטער אויפקלערונג.

## יידישער וויסנשאפטלעכער אינסטיטוט - ייוואָ, ניו-יאָרק

אין דער ייוואָ-ביבליאָטעק און ארכיוו פעלן אונדז דער נומער 32 "קול לובלין", ווי אויך דער נומער פון יאָר 1994. מיר בעטן צושיקן די פעלנדיקע נומערן פארן ארכיוו.

זאכארי מ. בעקער

## נאטעק אקערמאן, שטאָקהאָלם

די פייערונג אין "הילטאָן" איז געווען זייער א געלונגענע. א גוטע אטמאָספער. און פאר אלעמען - א מאסע באקאנטע, וועלבע כ'האָב נישט געזען צענדליקער יאָרן. דער צוזאמענטרעף מיטן לובלינער קאָמיטעט אויף דיזנגוף 158, איז געווען זייער אן אנגענעמער. א שאָד, וואָס ס'איז געווען ווייניק צייט זיך אדורכצושמועסן. ס'איז מיר נאָך געבליבן אייניקע קאָפּיעס פון מיין בוך "לובלינער דערינערונגען", וואָס איך בין גרייט צו פארטיילן אומזיסט, אויסר פּאָסט-אָפּצאָל. גיב וועגן דעם א מעלדונג אין "קול לובלין".

איך גלויב, אז פון צייט צו צייט וועלן מיר קאָרעספּאָנדירן און זיך קעגנזייטיק אינפאָרמירן וועגן אלץ און אלעמען. זייט געזונט, א גרוס פון עוואַן.

## מאָטל טרייסטמאן, מעלבורן

היי-יאָר האָבן מיר אדורכגעפירט די אזכרה אין האָטעל "קעמבערליי", וואָס געהערט צו יוסף גוטניק, וועלכער שענקט דעם זאל און פיינעם כיבוד לזכר דער ישיבת חכמי לובלין. דעם טראדיציאָנעל-רעליגיעזן טייל האָט אָפּגעריכט אונדזער לאנדסמאן, דער חזן אברהם שטערנפיין און אויך דערמאָנט די פארשטאָרבענע לאנדסלייט אין לעצטן יאָר.

איך האָב געצווייפלט, צו כ'וועל היי-יאָר קומען אויף פסח קיין ישראל, צוליב דעם געזונט-צושטאנד פון בלומא, אָבער באקומען חשק, ווי נאָר מיר האָבן דערהאלטן די איינלאדונג צו פייערן 50 יאָר מדינה און 80 יאָר משה קאָרן. מיר האָבן באשלאָסן נישט אדורכלאָזן אזא געלעגנהייט. אז מ'וועט זיין געזונט, וועט מען פייערן זיינע 90 יאָר.

## קאָפּל מיזשריצקי, בוענאָס-איירעס

איך האָב דערהאלטן די 5 קאָפּיעס "קול לובלין" און זיי צעטיילט דעם הייפל לובלינער אין בוענאָס-איירעס. מיט איינמאָנען די באשטייערונג וועל איך נאָך א ביסל צוווארטן, ווייל נישט לאנג האָבן זיי זיך באשטייערט, ווי ס'איז געווען אָפּגעדרוקט אין אונדזער זשורנאל. איך האָב איבערגעלייענט דעם "קול לובלין", זי איז אינטערעסאנט. דער עיקר - זי איז אן אָנדענק פון דער שטאָט לובלין. שיין ארויסגעגעבן, די ארטיקלען און זכרונות פאראינטערעסירן. איך ווינטש דעם קאָמיטעט און ישראל, און דער עיקר דיר, איר זאָלט איבעראיאָר ווידער ארויסגעבן אזא שיינע צייטונג.

דערהאלטן די איינלאדונג צו דער פייערונג לכבוד 50 יאָר מדינה און 80 יאָר משה קאָרן. איך האָב גרויס חשק צו קומען, נאָר דאָס געזונט דינט שוין נישט פאר אזעלכע ווייטע רייזעס. די עלטער האָט אויך עפּעס צו זאָגן. בייגעלייגט א טשעק אויף 110 דאָלאר, וועלכע כ'האָב צונויפגעזאמלט ביי טעמפּעלדינער (50), זילבערג (30), קאָסמאן און מיזשריצקי (צו 15). זייט אַלע געזונט.

## לאָזער גאָלדבוים, סאן-פּאולאָ

אייער איינלאדונג צו דער שמחה פון אונדזער לאנדסמאן, משה קאָרן, דערהאלטן. א הארציקן דאנק פארן געדענקען אונדז. ליידער, בין איך נישט זיכער מיטן פאָרן. כ'וואָלט געוואָלט זיין מיט אייך גראָד אין דער צייט פון 50 יאָר אויסגעבענקטע יידישע מדינה. אָבער כ'האָב די זיכערקייט, אז מיר וועלן זיך בקרוב זען און פרייען פאר די אלע יאָרן וואָס האָבן אונדז צעשיידט.

ביי אונדז איז אלץ בסדר. איך גיב ארויס א חודש-אויסגאבע אין יידיש און פּאָרטוגעזיש.

וואָס הערט זיך ביי אייך? ווי גייט דאָס לעבן ביי די קינדער און אייניקלעך. נעמט צו די הארציקסטע גרוסן לכבוד יום-טוב. גריסט הארציק איטקעלען און לאָמיר אָנהאלטן אונדזער פריינטלעכע קאָרעספּאָנדענץ עד מאה ועשרים.

(פון לאָזער און מינא גאָלדבוים איז אויך אָנגעקומען א טעלעגראם צו די 80 יאָר פון משה קאָרן).

## ישראל אייזענבערג, לאָס-אַנזשעלעס

נעכטן, דאָנערשטיק, דערהאלטן דיין הארציקן בריוו און די איינלאדונג צו דער פייערונג אין ״הילטאָן״. א הערצליכן דאנק. תודה רבה! כ׳בין געווען שטארק גערירט פון דער קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע איך האָב געלייענט עטלעכע מאָל. זיי אזוי גוט און גיב איבער משה׳ן א הארציקע ברכה צו זיינע 80 יאָר און זאָל זיין פאר אים ווי די משנה זאָגט: בן שמונים - לגבורות. ער זאָל זיין געזונט און שטארק און זיך עלטערן מיט זיין פרוי לובא און קינדער און הנאה האָבן פון אלעמען וואָס זיי טוען פאר דער מדינה און פאר די לובלינער. זייט מיר אלע געזונט און שטארק, מזל-טוב!

## מאָטל דינער, מינטשע יאקובאָוויטש, סאַן-פּאולא

מיר שיקן אייך איבער מיט א געלעגנהייט 50 דאָלאר. מיר פארנעמען זיך דאָ מיטן ״פריינטשאפט-קלוב״, וואָס מיינט יעדן שבת, פון 2 נ.מ. ביז 5 פארנאכט אדורכצופירן א קולטור-אונטערנעמונג: מוזיק, געזאנג, הומאָר, דיסקוסיעס איבער אקטועלע טעמעס. דעם 9טן נאָוועמבער האָבן מיר געמאכט אן אזכרה צום אָנדעק פון די שטעט און שטעטלעך אין פּוילן. מיר ציען אריין דעם יונגן דור. איין ליכט פון די זעקס ווערט אָנגעצונדן דורך א יוגנטלעכן.
מיר האָבן געפייערט א שיינעם חנוכה-אָוונט, ביי געדעקטע טישן, אויך א פּורים-אָוונט. מיר האָבן אויך געיומטובט 50 יאָר מדינת ישראל. עס פעלט נישט וואָס צו טאָן.

## רוזשקע צווייקאפט-שאבאסזאָן, מאָנטרעאל

ווי נאָר איך באקום דעם ״קול לובלין״ אזוי קאָן איך זיך נישט פון אים אָפּרייסן, ביז איך לייען נישט ביז די לעצטע שורה. איצט ווארט איך אויפן נומער פארן יאָר 1998, ווייל איך האָף דאָרט צו זען דאָס בילד פון מיין ליבן, טייערן מאן, אברהם ז״ל, וואָס איז אוועק אין דער אייביקייט. ער פעלט מיר אין יעדן ווינקל. מיין זון העלפט מיר א סך. אלע מאָל געפינט ער פיל צייט פאר מיר. איך לייג ביי אַ באשטייערונג פאר די לובלינער צום אָנדענק פון מיין מאן.

## משפחה בוים, מאָנטרעאל

מיר דאנקען אויך פארן שיקן דעם ״קול לובלין״. ס׳איז זייער א וויכטיקער זשורנאל, א דאנק וועלכן ס׳איז דאָ א פארבינדונג צווישן אלע לובלינער אין דער וועלט. מיר לייגן אריין א באשטייערונג פאר דער צייטונג און לאָזט גריסן די פאמיליעס וואסונג און שטאָקפּיש. ווי אויך אלע לובלינער. זאָל זיין שלום אין ישראל.

## יוסף קאפלאן, מאָנטרעאל

חשובע פריינדין אירית גוטליב.
אינעם בריוו פון 25.5.97 האָב איך געמאכט א טעות, שרייבנדיק, אז מ׳זאָל ניט מער שיקן אויף מיין אדרעס דעם ״קול לובלין״. די מיטגלידער פון דער לאנדסמאנשאפט טעלעפאָנירן צו מיר, אז כ׳זאָל יאָ באקומען דעם זשורנאל פאר אלע און איך וועל דאָס צוריק דערלעדיקן אויפן בעסטן אופן. דעריבער בעט איך צושיקן 10 קאָפּיעס.
איך האָב געשיקט א פאָטאָגראָפיע פון פארשטאָרבענעם כאסקל פרייבערג. פארוואָס האָט מען דאָס בילד נישט אָפּגעדרוקט?
**באמערקונג פון רעדאקציע:** צום באדויערן, איז נישט געווען בייגעלייגט צום טעקסט, א בילד פון פארשטאָרבענעם.

## משה זאלצמאן, פאריז

מיר האָבן אדורכגעפירט די יזכור-פייערונג און אויך דעם חנוכה יום-טוב. אָבער די צאָל באזוכער ווערט אלץ קלענער. און דאָס אנטוואָפנט. צי דארף מען פאָרזעצן מיט די אונטערנעמונגען? נאָר איך בין אן עקשן. אין חודש מערץ אָרגאניזירן מיר דעם יערלעכן באַל. אונדזער קאָמיטעט האָט באשטעטיקט טויזנט פראנק פארן ״קול לובלין״, וועלכע מיר שיקן איבער מיט א געלעגנהייט. איר זייט געווען קארג מיטן שיקן דעם זשורנאל, אפילו צו די חברים וואָס האָבן זיך פערזענלעך באשטייערט. איך לייג ביי זייערע אדרעסן איר זאָלט זיי ארויסשיקן דעם ״קול לובלין״. איך לייג אויך ביי אין דעם בריוו א באגריסונג פון לובלינער קאָמוטעט פון די ״פאראייניקטע קינדער פון לובלין״ אין פראנקרייך צו די 80 יאָר פון משה קאָרן, און אויך א באגריסונג פון קאָמיטעט צו מיין באקומען די יידל קאָרמאן פּרעמיע פאר די 5 ביכער וואָס זענען דערשינען אין יידיש און געוואָרן איבערזעצט אויף פראנצויזיש. דאָס ערשטע בוך

״און מען האָט מיך רעהאביליטירט״ איז דערשינען אויך אין עברית און דייטש.
אין יאָר 1998 ווערט אונדזער פאָרזיצערין טעשקע פאָרשטעטער-קאָרמאן, 90 יאָר, אין חודש מאי. די טייערע, איבערגעגעבענע טעשקע קומט נאָך אויף זיצונגען (אין באגלייטונג פון א פרוי) פון די געזעלשאפטן אין וועלכע זי איז טעטיק.

## אדאם גלעדמאן, סאן-פראנציסקאָ

כ׳וויל באגריסן אייך, די משפחה און אלע לובלינער, מיט דעם פרעכטיקן יום-טוב פסח - מיט געזונט און נחת. א שיינעם דאנק פאר דער איינלאדונג צו די 80 יאָר פון משה קאָרן. ליידער, קאָן איך נישט קומען. איך באגריס הארציק אונדזער בן-עיר צו דער געבורט-דאטע - ביז הונדערט און צוואָנציק!

## קאראָלינא ווייס, ווארשע

מיינע טייערע, איך וויל גלויבן, אז דער בריוו וועט אייך טרעפן ביים געזונט און שיק אייך איבער די בעסטע גרוסן, און ספעציעל פאר משה זאלצמען, וועלכן איך דערמאָן שטענדיק, קוקנדיק יעדן טאָג אויף די קאקטוסן, וועלכע ער האָט אונדז געגעבן. זיי זענען שוין גרויס. מיר האָבן אויך שוין אויסגעטרונקען זיין ווייַן, נאָר דער גוטער טעם איז געבליבן. מיר באגריסן די אלע וואָס געדענקען אונדז און צו אונדז זיך באצויגן אזוי ליב און פריינטלעך, ווען מיר האָבן באזוכט דאָס לאנד. מיר דאנקען פאר אלץ און אלעמען. איר זייט מיר געוואָרן אזוי נאָענט, ווי די אלע ערטער, וועלכע כ׳האָב א דאנק אייך באזוכט. זאָל דאָס לאנד בליען, זיין גליקלעך און דערגיין צו א שלום. ישראל איז מיר געוואָרן נאָענט, איך וואָלט אים געוואָלט ווידער באזוכן, אָבער ס׳איז נישט אָפהענגיק נאָר פון אונדז. איך בין נאָך שווער קראנק, געפון זיך אין פענסיאָנאט ״שרודבורוביאנקא״, נעבן אָטוואָצק. איך האָב אייך צו פארדאנקען א סך אנגענעמע איבערלעבונגען, ווייל מיר האָבן זייער גוט פארברענגט צוזאמען. איך לאָז גריסן הארציק אלע פריינד און באקאנטע.

## ד״ר בינעם ווייס, ווארשע

איך וועל זיך באמיען צו קומען צו די פייערונגען 50 יאָר מדינת ישראל און צום 80סטן געבוירן-יאָר פון משה קאָרן און כ׳וועל מיטברענגען אן ארטיקל פארן ״קול לובלין״. ווארשיינלעך וועל איך קומען אליין, צוליב דעם געזונט-צושטאנד פון קאראָלאן.
...איך בין צופרידן פון מיין קורצן באזוך אין ישראל, ספעציעל פון דער פייערונג אין ״הילטאָן״ און דער צוזאמענטרעף אין ״לובלינער ווינקל״ אין תל-אביב, מיט דעם קאָמיטעט. זייט אלע באגריסט.

## מענדל ווייסמאן, קאָפּענהאגן

ליידער, קאָן איך נישט אין אפריל קומען קייַן ישראל. איך באדויער דאָס זייער, ווייל איך וואָלט געהאט א געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט אייך און אנדערע לובלינער. איך בעט אויך איבערגעבן מיין בריוול דעם יובילאר משה קאָרן:

חשובער  פריינד משה קאָרן:
דורך אונדזער פריינד דוד שטאָקפיש, האָב איך באקומען אייער איינלאדונג צו דער פייערונג דעם 30סטן אפריל אין תל-אביב. ליידער, קאָן איך איצט נישט קומען קיין ישראל און וויל מיט דעם בריוול אויסדריקן מיין כבוד פאר אייך און  אייער פרוי. איך האָב אייך קיינמאָל נישט באגעגנט פערזענלעך, כ׳האָב אָבער געהערט פון פריינט און געלייענט וועגן אייך און אייער טעטיקייט פאר ישראל און דעם קליינעם הייפל לובלינער יידן אין ישראל.

**מענדל ווייסמאן**
**א קינד פון לובלין, היינט קאָפּענהאגן.**

פ.ס. איך האָב זיך געלערנט אין לובלין און געווען אין דער זעלבער קלאס מיט א וווּנדערבאר יידיש מיידל רחל קאָרן. זי האָט געוווינט אויף דער שעראָקע גאס. איך בין אָפט ביי איר געווען. איז עס א מיטגליד פון אייער משפחה?

## לובא מאטראשעק, לובלין

צו צעשע און לייבל אָבליגענהארץ אין פתח-תקוה.

טייערע פריינט מיינע,

א הארציקן דאנק פארן בריוו, וועלכן כ׳האָב היינט דערהאלטן. איך באמי זיך באלד ענטפערן, ווייל כ׳האָב מורא אז שפעטער וועל איך נישט געפונען קיין צייט. כ׳בין באזאָרגט מיט אייער געזונט, וואָס איז נישט ווי



teatrnn.pl

אמבעסטן. איך וווּנדער זיך נישט, אַז איר בענקט נאָך לובלין, ווייל דאָס איז אַ בענקשאַפט צו דער יוגנט, וועלכע איז תמיד אַ שיינע. דאָ האָבן געוווינט אייערע נאָענטע, אייערע פריינט. דאָס לאָזט זיך נישט פאַרגעסן. איך אָבער האַלט, אַז דאָס אָרט פון אַ ייד איז אין ישראל. פרעגט נישט, וואָס איך טו דאָ. אַזוי איז געשען און נישט נייטיק צו דעם זיך אומקערן. איך ווייס אַז אין יאָר 1968 האָב איך שלעכט געטאָן, אָבער ליידער, מיין דערוואַקסענער זון מוז זעלבשטענדיק דעצידירן.

אויף ווען פלאַנירט איר אַן אויספלוג קיין לובלין? כ'האָב אַ האָפענונג, אַז מיר וועלן זיך נאָך זען. איך ווינטש אייך אַ סך געזונט.

## צפורה שפייזמאַן, ניו-יאָרק

איך ווינטש זיך, אַז מיין בריוו זאָל אייך טרעפן ביים געזונט און צופרידן. מיר איז שווער און טרויעריק. מיין מאַן, יוסף שפייזמאַן, איז אַוועק אין דער אייביקייט דעם 16טן אָקטאָבער, סוכות. מיר האָבן אָפּגעלעבט צוזאַמען 59 יאָר.

מיין טרייסט זענען די קינדער, וועלכע באַהאַנדלען מיך זייער גוט.

איך האָב באַקומען די פאַרבעטונג צו דער פייערונג פון 50 יאָר מדינה און 80 יאָר משה קאָרן. איך האָב אים געשיקט אַ באַזונדערע באַגריסונג און אונדזער מדינה ווינטש איך דאָס אייביקע לעבן. אַ האַרציקן גרוס אונדזערע אַלע לובלינער, איך נעם אייך אַלע אַרום.







2 תעודות הוקרה לבן-עירנו, רב-קבלן **מרדכי מנדלסון** על תרומתו לענף הבניה מטעם התאחדות הקבלנים והבונים בישראל ומנהלת אירגון הקבלנים ברמת-גן וגבעתיים.

2 אנערקענונג-דיפּלאָמען פאַר אונדזער לאַנדסמאַן, אָנערקענטער בוי-אונטערנעמער **מרדכי מענדעלסאָן** פאַר זייןביישטייער צום בוי-וועזן אין ישראל, און פון דער אָנפירונג פון פאַריין פון קבלנים אין רמת-גן און גבעתיים

# לזכרם • צום אָנדענק

## אין טיפן צער און טרויער זענען מיר מודיע וועגן דער פטירה פון אונדזערע בני-עיר אין לעצטן יאָר. טיפער מיטגעפיל און טרייסט די פאריתומטע משפחות.

## איר זאָלט מער נישט וויסן פון קיין צער.

(די רשימה איז צונויפגעשטעלט לויט א״ב)

### יוסף לבית אברמסקי ז״ל

ממייסדי כפר עטה, נולד ב-1911 בלובלין, פולין, לשמואל ואסתר. האב שהיה בעל ביח״ר לבירה בלובלין עלה לארץ בהשראת אישתו שהייתה ציונית, ורכש קרקעות במפרץ חיפה, על מנת להקים ישוב עברי בא״י.

בשנת 1924 המשפחה הגיעה לתל-אביב ומשם לבת גלים (שכונה בחיפה) ולכפר עטה. לימים כפר אתא, ע״ש ביח״ר אתא (עפ״י ראשי התיבות - אריגי תוצרת ארצנו).

בכפר עטה אבא ומשפחתו התגוררו באוהל ויותר מאוחר בנו את הצריף הראשון והבית הראשון. הם הקימו משק לתפארת ואבא ואחיו שרגא ואהרן וגיסו יהודה עבדו במשק. מי ברפת מי בפלחה ובפרדס. למרות קשיי היום יום, הפרעות ושריפות המשק ע״י הערבים, עמדה המשפחה בפרץ, הקימה מחדש את ההריסות והמשיכו בחקלאות.

אבא באותן שנים נשא לאישה את מלכה לבית ברנבליט שהגיעה לקיבוץ אושה עם חברי תנועות ״הנוער הציוני״ מויז׳יגרודיק שבפולין ומתל-יצחק ונולדנו אנחנו, איה ואמציה.

אבא עסק בהדרכת נערים ונערות במסגרת ״ההגנה״ ולימד את הנוער מורס, התנדב לנוטרים, וחזר לשורות ״ההגנה״. היה בין מקימי



חניתה בתקופת ״חומה ומגדל״. הרפת של המשפחה איפשרה לתת מסתור - ״סליק״ לכלי נשק, שכה חשוב היה שיהיה בהישג יד, אך לא יתגלה לבריטים.

לאחר מלחמת השיחרור חוסל משק החליבה. אהרון המשיך בחקלאות ואבא עבד בעירייה עד לפרישתו לגימלאות. בעירייה עבד כמנהל משק ובד בבד החל את פעילותו ההתנדבותית, ״מפלוגות הפועל״, ממקימי הועד למען החייל והיה יו״ר כ-15 שנה (עד לפני 7 שנים), ממקימי ומיוזמי ״המשמר האזרחי״ (גם בשבוע בו נפטר היה מוזמן לשמירה, אך לא הצליח להגיע למשמרת), בין החברים הראשונים ב״בני ברית״, יו״ר ועד הגימלאים בעירייה (בתפקיד בו היה אוזן קשבת לכל אדם), מתנדב במע״ש פעמיים בשבוע עם ילדים בעלי תסמונת דאון.

לאחרונה מאז שהוקמה ״הקתדרה לחקר תולדות המקום״ במוזיאון המקומי, היה מעביר לילדי הקריה בחרדת קודש את תולדות ראשית העבודה העברית בארץ, בתקופת טרום מדינה והמשמעות של הכלים החקלאיים שהיו אז בהישג ידם של התושבים.

כשאבא יצא לגימלאות מהעירייה הוא נקרא לביה״ס התיכון רוגוזין להיות מנהל המחסן הטכני. בתפקיד זה פגש את הנוער ויצר עימו קשרים מיוחדים, כאשר כל שיחה מלווה בבדיחה ובמשל. הילדים היו מחפשים תירוצים רבים כדי להגיע אליו. על פועליו אלו ועוד רבים אחרים קיבל את אות התואר ״יקיר העיר״ ב-1990.

אבא החייכן, הפשרן, הרוכב על אופניו, עד לעת האחרונה עסק בפעילות התנדבותית עד ליומו האחרון, אך כרע, נפל ביום שישי כד׳ בשבט תשנ״ח (20.2.98) בדרכו לטיול עם ״בני ברית״ לגליל. האלוהים כנראה אהבו וקיבלו בנשיקה. כי אבא נפל על האדמה שכה אהב בקריה והשאיר אותנו ילדיו איה, אמציה, חתנו, כלתו ושבעת נכדיו יתומים כואבים אך מאושרים שזכינו לאבא שכזה.

יהא זכרך ברוך אבא יקר שלנו, סבא ודוד אהוב.

כתבה בשם המשפחה: **איה.**



## שרגא [פייבל] אברהמי-אברמסקי

נולד בלובלין ב־13.3.1908 בן בכור להוריו - אסתר לבית טורקלטאוב ושמואל אברמסקי. כשהיה בן 14 עלה עם הוריו ואחיו, אהרון, יוסף ובילהה לארץ. תחילה הם התיישבו בתל־אביב וקנו שם פרדס. הוא התחיל את לימודיו בגימנסיה הרצליה שבתל־אביב. לאחר כשנה מכרו הוריו את הפרדס בתל־אביב וקנו אדמות בכופרתה (כפר עטה) שבמפרץ חיפה. במקום הקרוי היום "קרית אתא". שרגא המשיך את לימודיו בגימנסיה הרצליה ולאחר מכן החל ללמוד בטכניון שבחיפה, אולם לאחר שנת לימודים אחת הוא נענה לקריאת המוסדות הלאומיים לנוער עברי בארץ לכבוש עבודה עברית, והלך לעבוד כסבל בנמל חיפה עם עוד חברים. ב־1932 הוא הכיר בחיפה את רינה (רגינה) ברגמן מוורשה, (שהגיעה כעולה בלתי לגאלית למכביה הראשונה) ולאחר זמן קצר הם התחתנו. ב־1934 נולד בנם בכורם אפרים. באותה שנה שרגא עזב את הנמל ועבר לעבוד בבית חרושת "נשר" לייצור מלט. לאחר כארבע שנים הוא עזב את "נשר" ועבר לבי"ח "אתא", והחל לבנות את ביתו ליד בית אמו (הבית נבנה בחלקו במו ידיו) וב־1938 נולדה להם גם בת, ישראלה. במשך כל השנים עד קום המדינה היה שרגא פעיל ב"הגנה" וב"פלוגות הפועל", היה חבר בפלוגות הגפירים (השומרים העבריים), השתתף בעזרה בעליה לקיבוץ חניתה, עסק באימוני נשק ואף החביא נשק בביתו. בשנת 1943 נולד לו ילד שלישי, שמואל (הנקרא על שם אביו).

במלחמת השחרור השתתף בקרבות שחרור הגליל התחתון ואף נפצע בעלותו על מוקש. שרגא עיברת את שם משפחתו לאברהמי לאחר קום המדינה, הוא פרש (מסיבות בריאות) מבית חרושת "אתא" ועסק בקליטת העולים החדשים שהגיעו ארצה בהמוניהם. תחילה עבד מטעם הסוכנות היהודית במחנה עולים "שער העליה" שבחיפה ולאחר מכן נשלח לנהל מספר מעברות באזור. כשהטיפול במעברות עבר לידי "עמידר" הוא המשיך לעבוד שם. בגיל מבוגר יותר פוטר מעמידר בשל צימצומים והתקבל לעבודה כמטפל בקשישים ומוגבלים ואחר כך כגנן ראשי, חלום חייו, בחברת "המשקם".

לאחר מות רעיתו רינה ממחלה קשה, הוא נישא בשנית ועבר לגור בחיפה.

לאחר מותה של רעיתו השניה עמה חי כ־15 שנים עבר שרגא לקיבוץ בית־קמה בו חבר בנו הבכור, אפרים. בבית־קמה בילה את שארית חייו באושר אמיתי. עבד במיפעל והרוויח את לחמו בכבוד, עזר בפיתוח הספריה, למד מתמטיקה באוניברסיטה הפתוחה, מקצוע שהיה אהוב עליו מאז ומתמיד. שרגא אהב לעזור לתלמידים שהתקשו במתמטיקה להתכונן לבחינות הבגרות. שמע הרצאות ואף היה מנוי בתיאטרון באר־שבע. שרגא לא החזיק בדירתו בטלוויזיה, כי ראה בזה בזבוז זמן. למרות שלא השלים את לימודיו הגבוהים שרגא היה איש ספר, התעניין בנושאים שונים ומגוונים וכן היה מעורב פוליטית במפא"י.

לאחר שלוש וחצי שנים בבית־קמה, מספר חודשים לפני שנכדו הבכור התחתן, נפטר שרגא ממחלה קצרה בגיל 73. השאיר אחריו שני בנים ובת ו־9 נכדים.

יהי זכרו ברוך.



## על אהרון אברמסקי ז"ל
## 1909-1984

אהרון בן אסתר ושמואל אברמסקי נולד בלובלין, פולין בשנת 1909.

בהיותו כבן 15 עלה עם משפחתו לארץ ישראל, לתל אביב בשנת 1924.

אחרי שנה הגשימה המשפחה את חלומה הציוני: - רכישת וגאולת אדמה בארץ ישראל, כשהם קנו אדמות בכופריתא היא קריית אתא.

שם הקימו את "משק אברמסקי". ארבעה ילדים היו לשמואל ואסתר ויחד הקימו את ה"משק" אבל אחרי שנים מספר נשאר רק אהרון חקלאי.

אהרון עיבד את אדמתו בשמחה, מתוך הכרה ונאמנות לארץ ולאדמה, עד יום מותו (תשמ"ד).

בשנת 1936 נשא לאישה את צפורה לבית איזנטל שעלתה בשנה זו לארץ, גם היא כציונית נלהבת, והייתה לגננת הראשונה בכפר עטה. כזוג צעיר יצאו לעזרת חקלאיי חדרה בקטיף הדרים ומשם נקראו לעזרת מקימי חניתה והשתתפו בהקמת המקום. וכשחזרו לכפר עטה כשנה מאוחר יותה לא עזבה עוד. שם פיתח אהרון את המשק ועסק בחקלאות, מהסוס ומחרשת העץ עד הכלים המשוכללים וחקלאות מודרנית.

משפחתו של אהרון עלתה כמשפחה ציונית חילונית וכשנישא אהרון לציפורה שהייתה מבית דתי-חסידי-ציוני הקימו יחד בית דתי ציוני.

אהרון זכה לתת שם אחרי הוריו, שמואל ואסתר. בנו הבכור נקרא שמואל (1940) ואסתר הבת הצעירה שנולדה עם הקמת המדינה (1948) וביניהם נולדה הבת דבורה (1945).

אהרון ז"ל וצפורה ז"ל שנקברו בקרית אתא הותירו אחריהם בן אישתי בנות, אחד עשר נכדים וארבעה נינים ששנים מהם נקראים אהרון.

יהי זכרם ברוך.



## חוה אדלטין [אדלשטיין] ז"ל

בראש-השנה תשנ"ט נפטרה בקיבוץ משמר הנגב, חוה אדלשטיין, אלמנתו של לייבלה אדלשטיין ז"ל, שהיה מזכיר אירגון יוצאי לובלין בצרפת משנת 1945 עד 1957, שנת עלייתו ארצה עם אשתו ושני ילדיו לילי וחנוך.
הנפטרת הצטיינה בפעילותה למען לובלינאים, השתתפה בכל האירועים של אירגוננו. אישה טובת לב, אהובה ע"י הבריות, הדואגת לזולת.
יהי זכרה ברוך.

## דודי שמחה אקירמן ז"ל

נולד בלובלין בפברואר 1909. הוריו היו שרה וחנוך אקירמן. דודי למד בבית הספר היהודי בלובלין ואח"כ בבית הספר הטכני וולברג בוורשה. בפרוץ מלחמת העולם השניה ברח עם אישתו אנקה לרוסיה ושם נולד בנם ליאון. בתום המלחמה חזרו לפולין ואח"כ הגרו לארגנטינה, היכן שלאישתו הייתה משפחה. היה שנתיים בישראל ובשלושים וחמש שנים האחרונות חי בסאן-פאולו, ברזיל שם עסק במסחר ובתווך נדל"ן.
נפטר בסאן-פאולו ב-11.12.1997.
יהי זכרו ברוך.

**בת אחותו**
**ד"ר דיאנה בק, רחובות**



שמחה אקירמן

## לזכרו של ממתיהו הורן
## שנה אחרי פטירתו

מתי היקר - איננו עוד.
מתי - חברי הטוב - עוד מימים עת נערים היינו ועל ארץ-ישראל חלמנו.
מתי הפעיל והחרוץ - אם זה במשך שנים ארוכות עמלך ומסירותך לאירגון יוצאי לובלין, בו פעלת כמזכיר וכיושב-ראש מאוחר יותר.
סבל רב היתה מנת חלקך בערוב ימיך, סביבך המשפחה האוהבת ולא עולה בידה להקל, להושיע.
לא רצית להיפרד מכולנו - להיפרד לתמיד ונמשכו ימי סבלך הרב.

אנו העומדים סביב קברך הרענן, נפרדים ממך מתי הטוב והיקר ונזכור אותך, נזכור.
יהיו רגבי האדמה קלים עליך.

**צפורה דסקל-ווייסלפיש**
**קבוץ מרחביה**

## שנה למותו של מתתיהו הורן ז"ל

ביום השנה הראשונה לפטירתו של מתתיהו הורן, התאספו ב־18.9 בבית הקברות "השרון" המשפחה, חברים ובני העיר. הבן אמר קדיש. צויינה הפעילות של הנפטר באירגון יוצאי לובלין בישראל.



## שיעלע האַכראַד ז"ל

אקטיווער מיטגליד אין דער לובלינער סאָסייטי אין מעלבורן. א געוויסע צייט געווען איר פּאַרזיצער. א טרייער לייענער פון "קול לובלין". געווען באליבט ביי די לאנדסלייט, א דאנק זיין חברישער באציאונג און גוטהארציקייט. כבוד זיין אָנדענק.

**מאָטל טרייסטמאן**

## נאַטעק זימעלשטערן ז"ל

פון מאָנטרעאל האָבן מיר באקומען די טרויעריקע ידיעה, אז דאָרט איז דעם צווייטן טאָג ראש־השנה נפטר געוואָרן אונדזער לאנדסמאן, דער לאנגיאָריקער פּאַרזיצער פון דער לובלינער סאָסייטי, נתן זימעלשטערן.

כבוד זיין אָנדענק.





**הורי: שמואל והינדה [לבית רוהר] טורקלטאוב ז"ל**

אבי נולד בלובלין, אמי בוולודווה ושניהם ילידי שנת 1898, לארץ הגיעו בשנת 1933.

אם כי בני משפחת אבי הקדימו אותנו בעליה לארץ ובביתם מצאנו קורת גג בשנה הראשונה, הרי בהתאם למיטב זכרוני שתים־עשרה השנים הראשונות היו קשות וההתמודדות אתן לא פשוטה כלל: מגורים בחדר אחד ומטבח משותף, הסתגלות לעבודה פיזית ועוד.

אבי עבד "בבנין" ובסלילת כבישים. אמי כעוזרת במשקי בית. היו תקופות של חוסר עבודה וגם בעיות בריאות.

רק כאשר החל אבי לעבוד בביח"ר "אתא" ובתור כזה זכה להיות משתכן בשיכון־פועלי־אתא - הגיעו הורי אל הנחלה.

כיוון שמטבעם היו אנשים צנועים ומסתפקים במועט, הבית בגבעת אתא היה התגשמות כל החלומות. שני חדרים צנועים וחלקת אדמה מסביב, וכי צריך אדם יותר מזה? כל מה שהיה להם נרכש בעמל רב. הם לא הרשו לעצמם כל דבר מותרות ואף פעם לא יצאו את גבולות הארץ.

עבורי היו סמל של נאמנות וזוגיות חמה. יושר והסתפקות במועט.

אבא נפטר ממחלה בגיל 77 ואמא 4 שנים אחריו.

בבית שהורחב, חי כיום אחד מנכדיהם ומשפחתו.

***יהודית צהנר-טורקלטאוב***

---

צום טויט פון מיין חברטע **לאה'טשע זיידמאן** ("גוט" - קרית-אתא)

מיין טיפסטן מיטגעפיל דער טאָכטער, זון און אייניקלעך.

זייט געטרייסט

איטקה ליינער

## חיים לדרמן ז"ל

כבר עבר חודש מאז שנפטר.

נולד בלובלין בשנת 1919.

היה האח הצעיר מבין שישה אחים, ארבעה נשואים ובעלי משפחות.

אני, אליעזר וחיים היינו רווקים ועברנו את המלחמה ברוסיה.
אחרי המלחמה חזרנו לפולין ולא מצאנו אף אחד מבני המשפחה שניספו בשואה.

אני ומשפחתי הגענו ב-1949 ארצה וחיים נסע לארצות הברית והקים שם משפחה.



בשנים האחרונות לחייו חלה במחלה קשה וב-22.5.98 הלך לעולמו.

השאיר אחריו אישה, שתי בנות ושני נכדים. יהיה זכרו ברוך!

**אליעזר**



## לזכרו של
## שמואל מנדלסברג ז"ל

תמו להם כמעט 93 שנים של עשייה, עת עזבת בגיל 17 את בית הוריך בלובלין ועלית לארץ להגשים ציונות ולבנותה.
פועלך הבלתי נלאה, הנאת החיים שבך, אהבתך לארץ, שיכרון טיולים וכבישת משעוליה, היותך בעל, אב וסב אוהב ומסור, עוגן ומשענת לחיינו, אדם גדול, צנוע וישר. היו אך מופת של עשייה ונחישות מורשת לכולנו דוגמא של התמדה, ואופטימיות.
ועתה, שבת אל האדמה אשר להפריחה הגעת.
ינעמו לך רגבי האדמה אשר כה אהבת.
יהי זכרך ברוך.

## הספד לסבא

כמו השורש נעקר לפתע,
כך נותרנו גזע ריק.
כמו הברק אשר היכה בשקט,
והגשם שירד.

כמו היום נגמר בערב
כשהחושך משתלט
כמו הים, כמו געגוע
כמו עכשיו כשאתה מת.

אם הזמן הוא מרפא
אנו חשוכי תרופה,
אם השקט מנחם,
אז בנו יש רק צעקה.

ככלות הכל והתמונה
נותרנו עץ בלי שורשים באדמה.

כמו הילד שנפל במגרש המשחקים
המומים אנו עומדים כאן, לשמים זועקים.
כמו אביון המתפלל לפת של לחם אחרונה.
כך חסרי אונים היינו כשהלכת ואינך.

כמו הפרח נחכה רק לבוקר שיאיר
כי כל לילה בלעדיך הוא קשה מלהסביר
אל תדאג תשכב לנוח, נעמוד כאן כל שנה
הרי ככלות הכל והתמונה
נותרנו עץ בלי שורשים באדמה...

**דורון פלסקוב**
על קברו של סבא שמואל, 22.2.98

## מיין חבר שמואל

פון די געציילטע "וותיקים", (ד.ה. פון די וואָס זענען געקומען אין לאַנד פאַר דער צווייטער וועלט-מלחמה), וואָס האָט ארויסגעוויזן אינטערעס, נאָסטאַלגיע און סענטימענטן, פארבונדן מיט דער יידישער לובלין. דערפאַר האָט ער תמיד געוואָלט וויסן וויאַזוי עס גייט צו ביי די לאַנדסלייט און זייער אָרגאַניזאַציע אין מדינת

ישראל. ער נעמט אויך אונטער אן איניציאַטיוו צו פאַרייביקן זיין שוועסטער בלה מנדלסברג-שילדקרויט, די בארימטע היסטאָריקערין, וועלכע איז אומגעקומען אין דער שואה.

אין יאָר 1965 דערשיינט אין תל-אביב דאָס בוך "מחקרים לתולדות יהודי לובלין" ("פאָרשונגען צו דער געשיכטע פון לובלינער יידן") - 160 ז"ז, 40 ז"ז ענגליש און 8 ז"ז יידיש, פון בלה מנדלסברג און ס'ווערט אויפגעשטעלט א פאָנד אויף איר נאָמען. פון דעם פאָנד, וואָס איז באשטימט פאַר סטודענטן וואָס פאָרשן די געשיכטע פון פוילישן יידנטום, זענען יעדעס יאָר פארטיילט געוואָרן סטיפּענדיעס אין 3 הויכשולן: ירושלימער אוניווערסיטעט, אוניווערסיטעט תל-אביב און בר-אילן רמת-גן. איך האָב יעדעס יאָר בייגעוווינט אזא פייערונג און געזען וויפל הנאה און פארגעניגן דאָס האָט פארשאפט שמואלן.

איך האָב באוואונדערט ביי אים דעם טאָג-טעגלעבן שפאציר, וועלכן ער האָט אדורכגעמאכט צופוס פון תל-אביב ביז הרצליה און צוריק. דערפאר שטענדיק געזונט, מונטער, קרעפטיק. אפילו נאָך די ניינציק זיך אויסגעצייכנט מיט דעם קלאָרן פארשטאנד און פאראינטערעסירונג מיט אלץ און אלעמען. געווען באליבט ביי די חברים, פריינד. אן אוהב ספר, א גוטער חבר. מיר האָבן זיך אָפּט באגעגנט און ס'איז געווען וועגן וואָס צו שמועסן.

זאָל אים די ערד גרינג זיין.

**דוד שטאָקפיש**



## נחמיה ניסענבוים ז"ל

נחמיה איז געבוירן אין יאָר 1927 אין אן ארבעטער-משפחה אין לובלין. געלערנט אין א חדר און אין פאָלקס-שול. די משפחה האָט געוווינט אויף דער וואָליע. דער פאָטער, א גארבער, האָט געארבעט ביי בריקמאנען אין פאבריק. בעת דער ליקווידאציע פון געטאָ, זענען אומגעקומען זיין מוטער און דריי שוועסטערן. נחמיה איז ניצול געוואָרן, א דאנק זיין ארבעט אין א פאבריק פון קאָרקעס און גענעכטיקט אין דער גארבעריי, וווּ זיין פאָטער איז געווען קאָשארירט מיט אלע ארבעטער. בעת דער ליקווידאציע פון דער גארבעריי, איז ער אנטלאָפן און פאר געלט איז אים געלונגען זיך אוסבאהאלטן ביי א פוילישער פאמיליע.

דעם 22טן יולי 1944, איז לובלין באפרייט געוואָרן דורך דער רויטער ארמיי. נחמיה האָט אָנגע-הויבן ארבעטן און אין 1946 הייבט ער אָן דינען אין פוילישן מיליטער, אָבער נישט קיין סך צייט. א דאנק דער "בריחה", דורך דער פויליש-טשעכישער גרענעץ, אונגארן, יוגאָסלאוויע, איטאליע, איז ער מיט א שיף געפאָרן אומלעגאל קיין ארץ-ישראל, וועלכע איז פארהאלטן געוואָרן דורך די ענגלענדער און פארשיקט געוואָרן קיין קפריסין. נאָכן באפרייען די עולים, קומט ער אין לאנד, אין קיבוץ גינוסר, ווערט מאָביליזירט אין צה"ל און באטייליקט זיך אין דער באפרייאונג-מלחמה. צוליב זיכערהייט-טעמים מוז ער שפּעטער פארלאָזן דאָס לאנד.

אין יאָר 1958 קומט ער אָן קיין ארגענטינע, שטעלט דאָ אויף א משפחה און דערנענטערט זיך צו די לובלינער אין בוענאָס-איירעס. איך האָב אים מקרב געווען און יעדן שבת איז ער געווען ביי מיין טיש. אין 1986 איז ער קראנק געוואָרן און נאָך 2 אָפּעראציעס, איז ער נפטר געוואָרן. אונדזער טרייסט זיין פאריתומטער פרוי און זון. כבוד זיין אָנדענק.

**קאָפּל**

## אירנה סטמפלברג ז"ל

נולדה בלובלין, הוריה היו ארנסטינה וגבריאל סטמפלברג - מנהל אדמניסטרטיבי של בית החולים היהודי בעיר. למדה עם אמי בבית הספר הפולני בעיר. בזמן מלחמת העולם השניה הסתתרה בוורשה, הייתה יחידה אשר ידעה על מקום מסתורי והייתה מביאה כסף מהמחתרת הפולנית לתשלום לפולנים, אשר הסתירו אותי.

אחרי המלחמה עבדה בורשה, ב"פילם-טלוויזיה" בתור מזכירה. פרסמה כמה מאמרים וספר אוטוביוגרפי.

נפטרה בורשה ב-30.5.1997.

יהי זכרה ברוך.

**בת אחותו**

**ד"ר דיאנה בק, רחובות**



## אברהם צווייקאפט ז"ל

געבוירן אין ווארשע, אויגוסט 1913.

נפטר געוואָרן דעם 1טן אויגוסט 1997.

אברהם האָט חתונה געהאט אין 1939 מיט דער לובלינער פרוי, רוזשקע צווייקאפט-שאבאסזאָן. מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה, זענען מיר אנטלאָפן קיין ביאַליסטאָק. דערנאָך האָבן אונדז די רוסן פארשיקט קיין סיביר, ווו ס'איז אונדז געבוירן געוואָרן א קינד, וואָס איז געשטאָרבן אין יאָר 1940, צוליב די שווערע באדינגונגען - הונגער, קעלט און שווערע ארבעט.

נאָכן סוף פון דער מלחמה, האָבן מיר זיך רעפּאַטריאירט קיין פּוילן און פון דאָרט ווייטער געוואנדערט ביז מ'האָט זיך דערשלאָגן קיין מאָנטרעאל (קאנאדע).

דאָ איז אברהם געווען פארבינדן מיט דעם "ארבעטער-רינג" און מיט דער לובלינער סאָסייטי, ווייל זיין פרוי איז פון לובלין.

כבוד זיין אָנדענק.

**רוזשקע**

## זאָשע פערלמוטער ז"ל

פון פאריז איז אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה וועגן טויט פון זאָשע פערלמוטער, די אלמנה פון ניומעק פערלמוטער. ביידע זענען געווען טעטיק אין דער לובלינער לאנדסמאנשאפט אין פראנקרייך. זאָשע איז געווען באליבט ביי די לובלינער יידן, ווייל זי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר גוטן כאראקטער, פריילעכקייט און שטענדיקן שמייכל.

כבוד איר אָנדענק.



## רחל קורלנדר ז"ל

לזכרה של סבתי היקרה.

סבתא רחל קורלנדר מבית לנצ'ינסקי, אמא של חיה אורטמן (אשתו של מרק), הייתה אישה חכמה ואינטליגנטית, אם מסורה וסבתא למופת. כל חייה דאגה מאוד למשפחתה. היתה פעילה בארגונים וולנטרים, כגון: הועד למען החייל, עזרה לחיילים בבית ובבתי חולים. עזרה לקשישים להסתדר בבתים. בשנים האחרונות גרה בבית "גיל הזהב". עד הרגע האחרון שרתה את עצמה ובישלה לעצמה. עד יומה האחרון, הייתה בהכרה מלאה. בכל יום אני נזכרת בדברים החכמים שלימדה אותי. הם מלווים אותי לאורך דרכי.

סבתא נפטרה בגיל 96. היא חסרה לנו - ולא נשכח אותה. היא תהיה לעד בזכרוננו.

**הנכדה צילה**



## שמעון רוזנבאום [ורדי] ז"ל

בן לאטלה ושמשון רוזנבאום

נולד: 25.3.1919, נפטר: 26.5.98

נולד בלובלין - פולין - אבד את משפחתו, אמו ואחותו בשואה, אביו נפטר במלחמת העולם הראשונה.

ברח בזמן המלחמה לבריה"מ, יחד עם אשתו פרידה לבית דורפגייר. חזר לפולין לקמיננה-גורה לאחר המלחמה ובשנת 1950 עלה ארצה. התאלמן כשהיה בן 33 ונותר עם ילדה צעירה. בארץ עסק בעבודות שונות מדוור בדואר חיפה, סוכן תנובה, בעל מכבסה ועד שהפך להיות עצמאי, סוכן קפה ותה. היה אדם אוהב ספר, קרא הרבה, אהב מוסיקה קלאסית במיוחד את שופן. והיה מסור מאוד לבתו וארבעת נכדיו. נפטר לאחר מחלה קשה.

יהיה זכרו ברוך.



## יוסף שפּייזמאַן ז"ל

געבוירן דעם 20סטן נאָוועמבער 1913.

נפטר געוואָרן דעם 16טן אָקטאָבער 1997.

גוט באקאנט צווישן די לובלינער. תמיד זיך אויסגעצייכנט מיט זיין חברישקייט, מענטשלעכקייט און גוטן כאראקטער. די מלחמה - יאָרן איבערגעלעבט אין ראטן-פארבאנד. אין 1946 זיך אומגעקערט מיט זיין פרוי, צפורה שפייזמאן, היינט בארימטע אקטריסע אין דער ניו - יאָרקער "פאָלקסבינע", קיין פוילן. פון דארט אויסגעוואנדערט קיין קאנאדע און שפעטער זיך באזעצט אין ניו-יארק. די לעצטע יאָרן האָט יוסף געליטן פון א שווערער קראנקהייט און אין סוכות פאָריקעס יאָר, אוועק אין דער אייביקייט.

כבוד זיין אָנדענק.

## שמואל דוד [דוווטשע] יאַקובאָוויטש ז"ל

דער לובלינער עלוי, ווי מען האָט אים שוין דאן גערופן, דעם עלעגאנטן, שלאנקן, יונגן, פרומען דוווטשע יאקובאָוויטש. איך געדענק ווען ער איז אָנגעקומען קיין וולאָדאווע, צו זיין אויסדערוויילטע ציפורה האָלצמאַן. ער ווערט גלייך אָנגעזען ביי די ביאלער, מעזריטשער חסידים און גמרא-קעפּ פון שטאָט, מיט וועמען דער 18-יעריקער גאון לערנט יעדן אָוונט.

שמואל דויד באנוגנט זיך ניט נאָר מיט לערנען, לייענט א סך, איבערהויפּט ווייזט ער ארויס גרויס בקיאות אין מאטעמאטיק.

ווען עס ברעכט אויס די ערשטע וועלט-קריג, פאָרן ארויס די גרויסע משפחה האלצמאן קיין פאאסט-זאגאראצקי נעבן פינסק, ווו די פאמיליע האט א גיט, אויס מורא אז וולאָדאווע וועט שטארק ליידן צוליב די בריסקער פעסטונג. יום כפור 1914 ווערן אלע פרעמדע ארויסגעשיקט. אזוי קומען זיי אן קיין אופא, די הויפטשטאט פון טאטארן. דארט פארבינדט זיך יאקובאוויטש מיט די לינקע פועלי ציון, ווערט פאָפולער א דאנק זיינע פאָליטישע רעפעראטן. באטייליקט זיך אין קאנפערענצן און אין יאָר 1916 ווערט ער געוויילט אלס דעלעגאט צו דער רוסישער דומע. אין יאָר 1919 פארלירט ער זיין פרוי ציפורה און בלייבט מיט 3 קינדער. אין 1920 ווערט ער ארויסגעפאָדערט אלס גענעראל-סעקרעטאר פון די לינקע פועלי ציון קיין צערניגאָוו.

פאָראויסזעענדיק דעם סאוועטישן טערור און די ברוטאלע ארבעט פון די יעווסעקציעס, קערט זיך יאקובאָוויטש מיט זיינע 3 קינדער יאנקעל, חיה און מינטשע קיין לובלין, ווו זיין מוטער צביה וווינט. אין לובלין ווערט יאקובאוויטש שנעל באקאנט א דאנק זיינע איהאלטסרייכע רעפעראטן. ווערט אויסגעוויילט אין ראט פון יידישע שולן. גיט ארויס א לערנבוך פאר בוכהאלטעריע. סטאביל ארבעט יאקובאוויטש אין דער לובלינער יידישע גמינע אלס הויפט-בוכהאלטער, פינאנסעלער ראטגעבער און רעדאקטאָר-פראָטאָקאָליסט, ווו אלץ ווערט דאָרט פראָטאָקאָלירט אין 3 שפראכן: פויליש, יידיש, העברעיש. אויך איז שמואל דויד זער נאָעט מיט הרב שאפירא, ראש פון ישיבת חכמי לובלין. טרעפט זיך אָפט מיט אָנגעזענע לובלינער לומדים.

אין יאָר 1940 האָבן זיינע קינדער יאנקעל און חיה, וועלכע האָבן דאן פארנומען אָנגעזעענע פאָסטנס אין ביאליסטאָק, אינטערוועניִרט אין מאָסקווע, וועלכע איז דאן אין גוטע שלום-פארבינדונגען מיט נאצי-דייטשלאנד, אראָפּצוברענגען זייער פאָטער. מאָסקווע איז גרייט אָפּצוגעבן 40 דייטשן פארן אויסטויש. דער "אויסטויש" איז באשטעטיקט געוואָרן און אין א בריף פון מאָסקווע, האט געזאָלט דעם 10.7.1941 אויסגעפירט ווערן. ליידער, די מלחמה דייטשלאנד-רוסלאנד וועלכע איז אויסגעבראָכן דעם 21.6.1941 האט דעם רעטונג-פלאן צשטערט, וואָס האָט געבראכט דעם טרויעריקן אומקום פון בארימטן געלערנטן שמואל דויד יאקובאוויטש הי"ד.

KOL
VOICE OF **LUBLIN**
ANNUAL OF LUBLINERS IN ISRAEL AND DIASPORA

"LUBLINER SHTIME" • TEL-AVIV • NOVEMBER 1998 • No. 34

# Lublin – 9 listopada

9 listopada 1942 r. zamknął się jeden z rozdziałów historii Lublina, historii trwającej przez kilka wieków koegzystencji Polaków i Żydów. Przed wybuchem II wojny światowej ludność pochodzenia żydowskiego stanowiła ok. 1/3 mieszkańców miasta, wydawało się, że trwale wpisana jest w krajobraz Lublina. Dziesiątki sklepów i sklepików, drukarnie, szkoły ze słynnym Jeszybotem Mędrców Lublina — to wszystko stanowiło integralną część miasta.

18 września 1939 r. wojska hitlerowskie wkroczyły do Lublina. Od pierwszych chwil okupacji brutalny terror wobec mieszkańców miasta stał się zjawiskiem codziennym, dziesiątki tysięcy ludzi przeszło przez miejsca kaźni w siedzibie Gestapo „Pod Zegarem" i w więzieniu na Zamku. Liczba ofiar obozu koncentracyjnego na Majdanku osiągnęła 360 tysięcy osób. Jednak nawet na tle ogromu zbrodni hitlerowskich wobec mieszkańców miasta szczególnie wyraźnie widoczny był tragiczny los żydowskiej ludności Lublina.

Tak jak na wszystkich okupowanych przez Niemców terenach, Żydów pozbawiono praktycznie wszystkich praw z wyjątkiem prawa do niewolniczej pracy na rzecz hitlerowskiej Rzeszy oraz prawa do śmierci w upodleniu.

Pierwsze posunięcia represyjne polegały na przymusowym oznakowaniu Żydów opaskami z gwiazdą Dawida, pozbawieniem ich praw własności wszelkich nieruchomości, skonfiskowaniem zakładów produkcyjnych itp. Jednocześnie stopniowo, od początku 1941 r. ludność żydowska spychana była do uboższych dzielnic Lublina, przez cały ten rok trwał proces coraz bardziej hermetycznej izolacji tych dzielnic od reszty miasta. Proces ten ściśle związany był z nieustannym rabunkiem wszystkich przedmiotów, które mogły mieć jakąkolwiek wartość. W końcu 1941 r. w Lublinie faktem stało się stworzenie dwóch „żydowskich dzielnic mieszkaniowych", w rejonie Podzamcza oraz mniejszego, na Majdanie Tatarskim.

15 października 1941 r. mocą zarządzenia Hansa Franka zakazano opuszczania getta, za złamanie tego zakazu groziła kara śmierci zarówno dla Żydów, jak i dla Polaków, którzy próbowali udzielić im pomocy w ucieczce.

Hitlerowcy starali się wykorzystać żydowską siłę roboczą do maksimum, mordercza praca przy budowie dróg, przy melioracji, a także w utworzonych specjalnie w tym celu zakładach produkcyjnych pracujących dla SS — takie „firmy" istniały także i w Lublinie.

Skupienie na niewielkiej przestrzeni ok. 40 tys. ludzi stworzyło dla mieszkańców gett niesłychanie trudne warunki bytowania, powodowały one masową śmiertelność na skutek głodu, wycieńczenia, chorób i epidemii. Jednocześnie odbywały się deportacje z gett do stworzonych na Lubelszczyźnie obozów zagłady, przede wszystkim do Bełżca.

W połowie marca 1942 r. przystąpiono do tzw. „ostatecznego rozwiązania kwestii żydowskiej". 16 marca wieczorem oddziały policji rozpoczęły dokonywanie segregacji i łapanek w głównym getcie. Do 22 marca deportowano stąd ponad 10 tys. osób. Część transportów z „opróżnianego" getta w Lublinie kierowano do gett w podlubelskich miejscowościach takich jak Piaski i Izbica, były one ostatnim etapem przed komorami gazowymi obozu zagłady.

Wielu mieszkańców getta nie czekało jednak długo na spełnienie się swego losu. Kilkudziesięcioro dzieci z sierocińca mieszczącego się przy ulicy Grodzkiej, wraz z ich opiekunami rozstrzelano na polach Majdanu Tatarskiego, opodal Dysa wymordowano pacjentów szpitala żydowskiego.

Do końca marca specjalne jednostki policji niemieckiej prowadziły akcję wewnątrz getta, akcję polegającą na wyłapywaniu ludzi przeznaczonych do obozów zagłady, łapankom towarzyszyły liczne rozstrzeliwania dokonywane na miejscu. Przed deportacją początkowo chronił fakt zatrudnienia w firmach niemieckich, członkowie Judenratu także nie podlegali deportacji. Jednak na początku kwietnia do obozu zagłady wysłano między innymi prezesa Rady, inż. Bekkiera i szereg innych działaczy Judenratu i Samopomocy Społecznej. 14 kwietnia ostatecznie zlikwidowano główne getto, mordując niejako przy okazji kilka tysięcy ludzi w lesie krępieckim.

Pozostałych Żydów lubelskich skoncentrowano na niewielkiej, otoczonej drutami kolczastymi przestrzeni na Majdanie Tatarskim. Było to tzw. „małe getto". Nie przetrwało ono o wiele dłużej niż getto główne. Tu w dniu 9 listopada 1942 r. rozegrał się ostatni akt tragedii żydowskich mieszkańców Lublina. Niewielką część jego mieszkańców przeniesiono do obozu koncentracyjnego na Majdanku (gdzie wkrótce zostali zamordowani), resztę zaś od razu rozstrzelano w lesie krępieckim.

Po żydowskiej społeczności Lublina pozostały do dziś tylko cmentarz i nieliczne budynki, tragedię lubelskich Żydów przypomina pomnik, na którym wyryto słowa:

**„W każdej garstce popiołów szukam swoich bliskich..."**

**ANDRZEJ P. PRZEMYSKI**

teatrnn.pl